מיר ווילען נור אזויפיל פעסטשטעלען, אז דאס איז אויך א פועל־יוצא פון די קנאת־שנאת פון די געגנער וועלכע הע־צען אין רייצען די שטייער־בעהערדען מיט פערשיעדענע מסירות.

מיר בערוהיגען. אבער די כנופי־מוסרים, אז זיי וועלען בעקומען זייער געביהרענדען פסק און צו די חתונה־שמחה זענען זיי כמילא צו שוואך זיי זאלען עפיס קענען שעדיגען ח"ו.

היטלער'ס ריעזיגער וואהל־נצחון

די זאנטאג'דיגע פארלאמענטס־וואהלען אין דייטשלאנד האבען היטלער'ן געבראכט א געוואלדיגען זיג. היטלער האט איצט 5½ מיליאן שטימען מעהר בעקומען ווי ביי די לעצטע וואהל אין נאוועמבער. היטלער פערפיגט איצט איבער 288 מאנדאטען, אלזוי מיט 92 מאנדאטען מעהר ווי פריהער. די היטלעריסטען אליין פערפיגען דאהער אויף 44% וועהלער פון גאנצען לאנד בשעת ביי די פריהריגע וואהלען האבען זיי בלויז 33% געהאט. ווען מ'רעכינט צו הוגענבערג'ס מאנדאטען וועלכע צעהלען (52 מאנדאטען) 8 פראצענט האט היטלער א געזיכערטע מעהרהייט אין פארלאמענט.

די קאמוניסטען האבען פערלוירען 19 מאנדאטען, די סאצ. דעמאקראטען 1 מאנדאט. דער צענטרום האט צובעקומען 3 מאנדאטען.

דער איצטיגער וואהל־נצחון האט היטלער'ס פאזיציע אין דייטשלאנד [illegible]פעסטיגט אויף לאנגע יאהרען. מיט [illegible] איז אלענפאלס צו רעכענען אויף גרויסע ווענדונגען אין די אינערפיהרונג פון דייטשלאנד.

וואס איז שייך די יודען פראגע, האט דער היטלעריסטישער מיניסטער גערינג ערקלערט, אז כל־זמן יודען וועלען זיך צוריקהאלטען פון פאליטיק און זיי וועלען זיך נור אבגעבען מיט האנדעל און צו מלאכה וועט זיי גארנישט געשעהען.

קורצע ידיעות

— צוליב דעם גרויסען נאציאנאלען נצחון אין דייטשלאנד, האט די היטלעריסטישע רעגירונג בעשלאסען מיטוואך צו שליסען אלע שולען.

— צוזאמען מיט די וואהלען צום רייכסטאג זענען אויך פארגעקומען די וואהלען צום פרייסישען לאנדטאג: דער רעזולטאט איז פאלגענדער:

היטלעריסטען 207 מאנדאטען (אנשטאט 162) סאצ. דעמ. 79 (93) קאמוניסטען 63 (57) צענטרום 67 (97).

— אין די לאנדאנער באנקקרייזען איז מען זיכער, אז די אמעריקאנישע רעגירונג וועט זיך דערהאלטען ביים גאלד־פאריטעט און דעם דאלאר דראהט נישט קיין געפאהר.

באנק־מאראטאריום אין אמעריקא

אין אמעריקא זענען אלע בענק אויף פעראָרדנונג פון נייעם פרעזידענט רוזוועלט געשלאסען געווארען.

אין צוזאמענהאנג מיט די ניינעטאפענע שווערע לאגע האט די רעגירונג פערבאטען ארויסצופיהרען פון לאנד גאלד אדער זילבער. די רעגירונג האט איבערגענומען די קאנטראלע איבער אלע גאלד־אפעראציעס אין לאנד. עס איז אויך איינגעשטעלט געווארען; דאס אויסצאהלען אדער רעזערווירען געלד קיין אויסלאנד.

די רעגירונג האט אויך בעשלאסען זיך אבצוהעלפען פון געלד־מאנגעל כל־זמן די בענק זענען געשלאסען מיט נויט־באנעם. וואס די שטאדט־ראטען וועלען ארויסגעבען.

די רעגירונג האט פערעפענטליכט אז די געלדער וועלכע וועלען איצט איינגעלעגט ווערען אין די בענק וועלען נישט אונטערליגען די געש־עקינג און מ'וועט איבער זיי קענען פריי דיספאנירען. דאס צוטרויען פון די בעפעלקערונג צו די בענק איז אבער לעת־עתה זעהר פעסימיסטיש.

אויפגעלעזט דעם צענטראל־פעראיין אין טירינגען

די רעגירונג אין טירינגען האט ארויסגעגעבען א פעראָרדנונג צו שליסען אלע אבטיילונגען פון צענטראל־פעראיין פון דייטשע יודען אין טירינגען, דער מאטיוו פון דער דאזיגער פעראָרדנונג איז אז דער צענטראל־פעראיין פיהרט אין זיינע שריפטען וואס האבען א תלמודישען פארעם, א העצע! געגען דער נאצ. סאציאליסטישער רעגירונג.

פסח מעהל
נעמאהלען אויף א וואסער מיהל תחת השגחת אדמו"ר הגה"צ אבדק"ק מונקאטש שליט"א
צו בעקאמען אין יעדען קוואנטום צו ביליגער מאגעס פרייז
ביי די פירמא:
Kantner & Feld, Mukačevo
Mihalygasse

Es wird gesucht Sommer-Wohnungen im Dorf u. wird bezahlt für den ganzen Sommer. Zuschriften sind zu richten an: Švarc, Praha II-704.

Koscher Schokolade FISCHER vorzüglich
Mit Attest des Herrn Rabbiners HEINRICH PACK.

פערשידענע ידיעות

— אויף היטלערס באפעהל האָט די פאליציי אין בעשלאג גענומען די לאָקאַליטעטען, געביידעס און דריקערייען פון דער קאָמאוניסטישער פארטיי, די קאָנפיסצירטע פארמעגענס זענען אלס שטאַטליך איינענטום ערקלערט געוואָרען.

— אין אונגוואר האָט איינער געקלאָגט די ראלטינע שטאדט פערוואלטונג פאר שאדענערזאַץ־ווייל ער האָט זיך אין שטעטישן טהעאַטער אויף א נאגעל דאָס געוואנט צעריסען, די שטאדט האָט דאָס פראצעס אנגעווירען.

— די דרוקעריי־אינדוסטריע אין א״י, וועלכע געפינט זיך פאקטיש אין יודישע הענד, וועט שטאַרק ליידען צוליב דעם בעשלוס פון דער ארץ־ישראל רעגירונג צו גרינדען אין ירושלים א רעגירונגס־דרוקעריי. ביז איצט זיינען אלע רעגירונגס־פובליקאציעס אין די „אָפיציעלע גאַזעט", וואס ערשיינט אין דער ענגלישער אראַבישער שפּראַך, געווען געדרוקט אין יודישע דריקערייען. אין א רעגירונגס־קאָמוניקאַט איז לעציענס מיטגעטיילט געוואָרען, דאָס די רעגירונג איז שוין צוגעטרעטען צו בויען די דרוקעריי און די מאַשינען זענען שוין איינגעקויפט געוואָרען אין ענגלאנד.

— דער אינטערנאציאָנאלער ארבעטס־אַמט ביים פעלקערבונד אין זשענעווע פלאַנט צונויפצורופען א קאָנפערענץ פון די גייסטליכע פון אלע אמונות אויף צו בעהאַנדלען פערשידענע ארבעטס־פּראָבלעמען.

אלס איינער פון די פארשטייער פון דער יודישער אמונה אויף דער דאזיגער קאָנפערענץ איז באַשטימט געוואָרען הרב סאראצקין אב״ד לוצק.

— אין מאָסקווא ווערט איצט געבויעט דאָס גרעסטע פלוגצייג אין דער וועלט וועלכעס וועט טראָגען דעם נאָמען; אנט־20 און וועט קענען איינגעמען 75 פערזאָן און וועט האָבען 24 שלאָפּפּלעצער מיט אלע באַקוועמליכקייטען, עס איז געפּלאַנט אויף א פלוג־געשווינדקייט פון 200 קילאָמעטער פּראָ שעה.

— אין ניו־יאָרק זענען די פּראַנגשטאַלטער פון פערשידענע וועטקעמפּפע, דורך די שווערע פינאַנציעלע קריזיס, געפאלען אויף א המצאה: אז זיי נעמען אן אנטריט געביהר אנשטאט באַר געלד, חפצים און אנדערע נאַטוראַליען. די המצאה האָט געהאָט ערפאָלג און אלע פּלעצער זענען בעזעצט. עס איז בלויז געוואָרען פון די קאַסעס וואַרענהייזער.

— אם 1־טען אפּריל וועלען דרייטויזענד פּערזאָן ביי די שטאַאַטס־באַהנען פּענזיאָנירט ווערען. מייסטענס אזעלכע וואָס האָבען שוין די אַלע פּענזיאָנס נעהעלטער.

די ליגיטימאציעס צו בעקומען באַהן־ערמעסיגונג צו דער מונקאַטשער התונה זענען צו בעקומען ביי די פאָלגענדע ה. ה.:

מרדכי געלבער בראַטיסלאַווא יודען ג. 20.
שמואל ליב גריסמאַטם באַרדיאָוו.
דוד בלומענבערג דונאַסערדהעלי.
ישראל יעקב וואלדמאן חוסט.
צבי לייבער סאפאלטשאן.
יוסף גראַס שויב טשי טעשין.
שמחה וואָלף עהרענבאַן טשאָפ.
זלמן ליב ווייערער סיהאליוויץ.
יצחק פוכס סעליש.
צבי ארטער פרעשאוו — אפעריעס.
הרב אהרן עפּשטיין רוזין פ־אנ־פראהא.
שמואל גרינפעלד קיראליהאַז.
ברוך זעלצער קיראל העלמעץ.
וואָלף רייכמאן קאשוי. אדער העוצקא
פרידמאַן קאשוי, באַטשקאי. 9.
יוסף זינגער קעזמארק.
שלמה עבנער סעדזילאבארצע.
מרדכי פערלשטיין סיגעט.
שמעלקי יערמיאש האלמין (רומעניע).

די באַהן־הנחה איז גילטיג אין די טעג פון 12־טען ביז צום 27־טען מערץ.

מכתב קריאה

ב״ה ד׳ י׳ אדר תרצ״ג מונקאטש יע״א.

אל כבוד ידידנו אנ״ש החביבים ויקרים, הנגידים ונכבדים, המופלגים ותמימים. איש כפי ממללו יבורך הע״י כנעימים, בפת״ק יצ״ו, וגם די ככל אתר ואתר אנ״ש הנחסדים ובתואים הראוי לפי כל א׳ וא׳ הי״ו בכשים ובתוכם הרבנים הג׳ חו״ב יראים ושלמים בכל מקומות מושבותיהם, יחי׳ נועם ה׳ עלינו ועליהם. שוכטים.

הן לרגלי הכנסת הנשואין בשהיי למדש לבתי ה׳ תחי׳ לאויוש״ט עב״ג ההתן החו״ב שליט״א ונדפסו מכתבי קריאה של חיבת כנהוג ונשלחו ע״י שלוחי מצוה אנ״ש הפאַרברייטונגס קאָמיסיאָן ואנשי ביתינו הי״ו על פי פקודתי לטובה ובכאן העירה (והגליל של דגל הרבנות) מרדכי שלום ומשום ‎_לא פלוג לא הי׳ כאפשרות לשלוח לכ״א וא׳ כפרטות לביתו ונטנו ונמרו כי בפה״ק אוסינם רק ע״י מכתב כהג״ל נרבק בכל שערי ביהכ״נ וביהמ״ד וכתי תפלות כולם. וגם כהנשלחים ע״י הפאסט לתוך המדינה וחו״ל מפני נורל המירדות אי אפשר שלא ישכחו רבים וגם שלמים מלשלוח להם וגם רבים ע״י שינוי המקומות כוסניהם וכשמותם (ובתקותיהם) באו כהורה ע״י הפאסט נכתב „אונבעקאנט" בכל לשונותם ע״כ יהיי נא בעיניכם כאלו הייתי מזמן והנני בזה אתכבדה כתיכתכם ובכולל הזמנת ידידות ואהבה לבקש מכ״א וא׳ אשר ירגיש בלבו אהבתינו (וכמים פאי״פ) לבא על ראש שמחתינו. ויה״ד כ״כ לשמחת עולם ומלכנו כראשינו כיאנצב״ב בקרוב ושוכטים.

חיים אלעזר שפירא

פראגראם איבער די היגע חתונה פייערליכקייטען

די קומענדע וואך דינסטאג 12 א זייגער מיטאג וועט זיין א משתה לעניים פאר אלע אָרעמעלייט וועט זיין א מיטאג ווי דער רב שליט״א וועט זיך אליין פאררען ביים עסען און געלד פערטיילען.

מיטוואך 3 אָווענד נ. מ. בעגינט דאָס קבלת פנים ביים חתן אין קהל׳ס סאַלאָן.

די חופה וועט זיין זייגער 7.30 ביינאַכט. 10 אָווענד וועט בעגינען די סעודה.

שבע ברכות וועט זיין יעדען טאָג פון זייגער 3 — נ. מ. — ביז נאך מנחה (ה[illegible] ווינטער) אויסער עש״ק. פרייטאג צו נאכט און שבת ביי טאג ביי די סעודות כנהוג. צו שלש סעודות וועט נישט געמאכט ווערען די שבע ברכות (כמנהג אבותיו הק׳) מוצש״ק וועט לכבוד די הילולא פון רבין ר׳ מילך סליזענסק זי״ע געמאכט ווערען א מלוה מלכה מיט שבע ברכות.

זאנטאג און דינסטאג וועט דירעקט געמאכט ווערען פאר די היגע בעלי בתים, וואס האבען נישט געקענט טיילנעמען ביי די חתונה סעודה, שבע ברכות סעודות.

מאנטאג וועט זיין א שבע ברכות סעודה פאר די בני הגליל און די תלמידים פון דער ישיבה „דרכי תשובה".

מיטוואך ביי טאג וועט זיין די צום שלום שבע ברכות פאר פרישע פנים הרשות.

250־טע יאָהרצייט פון גרויסען גאון בעל מגן־אברהם

קאליש: היי־יאָהר שושן־פורים (1־טער מערץ) פאַלט־אויס די 250־טע יאָהרצייט פון גרויסען וועלט־בעריהמטען גאון וועלכער איז בעקאנט אלס דער לעצטען פוסק אין דער גלות־עפאכע, געוועזענער רב אין קאליש, דער בעל מגן־אברהם זצ״ל.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, האָט די יודישע קהלה־פערוואלטונג אין קאליש, צוזאַמען מיט דער חברת חסד של אמת בעשלאָסען, דאָס דאנערשטאג, דעם 9־טען ד. ח. (אסתר־תענית) זאל געשטעלט ווערען א נייע מצבה אויפ׳ן קבר פון מג״א. די יודישע בעפעלקערונג פון קאליש איז דורך די קהלה־פערוואלטונג אויפגעפאָדערט געוואָרען זיך פערזאַמלען אויפ׳ן בית־עולם. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם יאָהרצייט ווערט אויך ערוואַרט א גרויסע צאָהל צורייזענדע, פאר וועלכע עס איז געוואָרען אויסגעווירקט א הנחה פון 50 פּראָצענט פון די באַהן־בילעטען.

דעם זעלבען טאָג וועט אויך געשטעלט ווערען א מציבה אויפ׳ן קבר פון בית־יהודה, וועלכער איז געוועזען רב אין קאליש אין דער זעלבער צייט, וואָס דער מג״א. אין דעם טאָג קומט אויך אויס די ערשטע יאָהרצייט פון פערשטאָרבענעם קאַלישער רב, הסב יחזקאל ליפשיץ ז״ל.

משלוח מנות

איש לרעהו ומתנות לאביונים

מיר ווילען נישט משנה זיין דעם מנהג פון אלע יאהר און שיקען איבערדעם אויך היי־יאָהר. טראָגן די גרויסע קריויס משלוח מנות. מיר בעטען אבער אונזערע ידידים און וועלכע מיר האָבען פארגעסען דאסמאל צו ענטשולדיגען, מחמת דורך די הכנות צו דער גרויסער רביש׳ע חתונה. האָבען מיר געמוזט מקצר זיין.

מונקאטש

פאר די חתונה געסט:
א שעהנע צייט אז זיי זאלען קענען שטעהן מאַטש נור אין הויף.

פאר ר׳ משה רויטה אין די איבעריגע קאָסיע מיטגלידער:
בעדיי איין אווענאַן שטעה פלאַין פאר זייער טעטיגקייט.

פארן קהלה פרעזעס ר׳ שאול פערלשטיין:
קאַראַט און מוט קענען די פוטש־מאַכערס.

פארן רה״ק ר׳ אייזיק מענדל וויס:
פרעזעס שטעלע ביי דען פראָוויזאריום.

פאר ר׳ יחזקאל שליסעל:
שידסריכטער פאסטען ביי דער אונגוואַרער קהלה.

פאר די היגע ציוניסטען:
א קסיע קענען לסבה מצרים בבכוריהם..

פאר די חתנ דרעליעס:
באַרטיכליך אויפן נאָווער וואס זיי וועלען האבען ווערענד די חתונה.

תלמידי הישיבה:
דיסציפלין און ארדנונג ביים חתן עמפפאנג.

הירשל שפילמאן:
א קהלה לייטונג לויט זיין פראגראם.

פאר אונזער צייטונג:
גראטולאציעס פון אלע ידידים פון מונקאטשער רב שליט״א.

פאר אונזערע אבאנענטען:
אָנגעפילטע בריעף־טאשען בכדי לייכט צו קענען צאהלען.

פאר אונזער פראנטוו. רעדאַקטער:
שעהנערע פאַרטנערס.

אונגוואר

פאר די קהלה לייטונג:
א רבנות כתפת פאר זייער ראב״ד אויף חוכט.

פאר ר׳ רפאל שטערן:
פרעזעס שטעלע ביי קהל און ביי דער קאנצליי.

פאר ר׳ יעקב אליעזר פעלדמאן:
פראזעס ביי דער ריפועלער קאסיע.

האישוי

פאר אונזער ידיד ר׳ דעזשיקע:
אפאר גרויסע וואנצעס און א חסידיש זאקטיבעל.

פאר ר׳ לייב גאלדשטיין:
א הכשר פון מונקאטשער בית דין!

פאר ר׳ רפאל לעווי בארדיוב:
פרעזעס קאנדידאטור ביי די נעכסטע קאנצליי וואהלען.

פאר א מייל קארפ. רוסער רבנים:
מעהר כוונות ביים יהי רצון שנראה ב״א סעלות תבירינו.

פאר די היגע קהלה משועבדים:
א הויפּטטרעפער בכדי צו ערזעצען זייער ריקשטעליג געהאלט.

פאר די חייגטיגע סוחרים:
א קארט צו די סעודת משתה עניים.

פאר אונזערע קאנקורענץ בלעטליך:
קאלפּארטער פּאסטענס ביי אונזער צייטונג.

נייע מעטהאדע פון פלייש קאָנזערווירונג

אין דער ברינער טיעראַרצטליכער הויכשולע איז די טעג א נייע מעטהאדע פון פלייש־קאָנזערווירונג אויספּראָבירט געוואָרען, עס האַנדעלט זיך נעמליך אז חיכף נאָכ׳ן קוילען פון דער בהמה ווירד אין די אדערן א גאַלצלעזונג איינגעשפּריצט וועלכעס עס געהט דורך אין דער גאַנצער געוועבע. דער פאַרגאַנג איז גאַנץ איינפאַך און די פאַרמייל בעשטעהט אין דעם וואס דורך דער אינשפּריצונג ווערט נישט דערלאָזט דאָס קאַליע ווערען פון פלייש און די דויערהאַפטיגקייט איז גוט אויף א יאהר, די בהמה פערלירט נישט פון געוויכט און אין די קאָנזערווירונגסלעזונג קען אריינגענומען ווערען פערשידענע געווירצען אזוי אז עס בעשטייט די מעגליכקייט פון פערשידענארטיגע געשמאַקפליישען מיט פערשידענעם אראָמא אהערצושטעלען.

(פון כשרות וועגען איז עס מעכסטוואַרשיינליך נישט צולעסיג)

די פּאַספּאָרטען גזירה אין רוסלאַנד

דעם 20־טען יאנואר האָט זיך אָנגעהויבען דעם ארויסגעבען פּאַספּאָרטען אין די דריי גרעסטע שטעט פון דער סאָוויעטן־לאַנד: מאָסקווע, לענינגראַד און כאַרקאָוו.

אויף א שטח פון 100 קילאָמעטער ארום מאָסקווע און לענינגראַד און 50 קילאָמעטער ארום כאַרקאָוו, מוז יעדער איינוואוינער, פון 16 יאָהר און העכער באַזיצען א פּאַס.

פּעסער באַקומען נאָר די, וועלכע קענען צושטעלען א צייגניס, אז זיי זענען ערליך ווי באַטעפּטיגט אין א אונטערנעמונג אָדער בירא. די וואס קענען אזא צייגניס נים צושטעלען מוזען אין משך פון צעהן טעג פאַרלאָזען דעם גאַנצען אויבענדערמאָהנטען שטח.

לך כנוס את כל היהודים

ווען די יודען אין שושן האבען איבערגעלעבט די שווערסטע פערצווייפעלטע שעה'ן האט דער דעמאלסדיגער יודישער מנהיג מרדכי, בלשן, זיך גערעטעט מיט דעם לאזונגס־ווארט: לך כנוס את כל היהודים, ווייל נור דורך אחדות קענען מיר פערטיידיגען אונזער קיום און אונזער לעבען צווישען די הונגעריגע וועלף. נור מיט סאלידארישע פעראייניגטע כוחות און מיט פעראייניגטע תפילות קענען מיר אויספועל'ן די ישועות און נור דעמאלט ווערען אונזערע תפילות נישט פערשעהמט.

דער כח און ווערטפאלע שעצע פון איינהייט איז אבער לאו דוקא אין א עת צרה אזוי גרויס, די ווערט פון אחדות איז אלעמאהל אומשעצבאר. מיר האבען שוין אונצעהליגע מאהל אנגעוויזען אויף די מדרשים, אז דער יודישער אחדות איז אזוי הויכגעשעצט, אז דאס איז מכפר אפילו אויף דעם חטא פון ע"ז. ליידער אבער ווערען מיר יודען מיט דעם חסרון געשטראפט. די קנאה־שנאה הערשט אמשטארקסטען ביי אונז און דאס איז דער גאנצער גורם פון אונזער שוואכע.

דער זמן פון פורים ווי יודען האבען זיך פעראייניגט מיט אלע כוחות צו שטעלען א ווידערשטאנד געגען די געפערליכסטע שונאי־ישראל, ברויך אונז אריינצוגעבען א נייעם פונק וועלכער זאל אונז אויפמונטערן און ערוועקען, אז מיר זאלען פיהלען אונזער געוואלדיגען חסרון און מיר זאלען אנווענדען אלע מיטעל בכדי אמאהל צו פעראייניגען יודען לעבדו שכם אחד.

לעהמאן — פינאנס־דיקטאטאר פון שטאאט ניו־יארק

ניו־יארק: דער ראט פון שטאאט ניו־יארק האט געגעבען דעם גובערנאטאר לעהמאן דיקטאטאָרישע רעכט אויף פינאנסיעלען געביט. דער שטאאט וועט ארויסלאָזען אייגענע באַנקעס.

א סך בענק זענען שוין געעפענט געווארען, אָבער עס ווערען נישט געמאכט קיין גרויסע טראנזאקציעס. מען ווארט־אָב די בעשלוסען פון קאָנגרעס, וואָס קומט זיך צונויף דאָנערשטאג אויף א ספעציעלע סעקציע.

יעדער זאל אויסנוצען די געלעגענהייט!

די אלטבעקאנטע, פערלעסליכע פירמא „פעלצהויז שליסעל" וועלכע קען מיט שטאָלץ אויף איהר 10 יעהריגען געשעפטס־בעשטאנד צוריקבליקען, וועלכע האט שטענדיג איהרע קונדען רעעל און סאליד בעדינט, האט בעשלאָסען געלעגענטליך איהר 10 יעהריגען יובעליום אין איהר צענטראל־געשעפט אין מונקאטש און אויך אין די פיליאלען איין יובעליום־מאנאט צו בעראנשטאלטען און אין משך פון דעם מאנאט די פרייזען טיעף צו ערנידריגען.

גראד איצט איז דער שעף פון די פירמא פון זיין לייפציגער און פאריזער איינקויפס רייזע צוריקגעקומען און האט מיטגעבראכט הערליך שעהנע פעלצווארען צו שטוינענד ביליגע פרייזען.

די פירמא האט אויך ערשטקלאסיגע קירשנער־קינסטלער פון פאריז און פון וויען הערגעבראכט.

ווילט איהר עבם נוטע און פערלעסליכע סחורה און דאבוי אייסערסט ביליג דאן בעזוכען זי נור די פירמא:

Pelzhaus Schlüssel

Mukačevo Leipzig, Brühl 61

Filialen:

Užhorod, Rašinova 10.
Michalovce, Hlavna ul. 40.
Chust, Hlavna ul.

„צענטראל־פעראיין" ווארענט די דייטשע רעגירונג פאר דער געפאהר פון דער יודען־העצע

בערלין: די צענטראל־פעראיין־צייטונג שרייבט אין א לייט־ארטיקעל אין איהר לעצטען נומער פאָלגענדעס: „דאָס פאָטערלאַנד האט איבערגעלעבט טעג פון שטארקסטער אויפרעגונג. פערברעכערישע הענד האָבען אונטערגעצונדען דעם בנין פון דייטשען פארלאמענט, מיר זענען אלע טיעף ערשיטערט. פערברעכערישער גייסט און געוויסענלאָזע הענט האָבען געטריבען מענשען צו אזא שאנדטהאט.

די אויפרייצונג מוז בעזונדערס געשטעמפעלט ווערען אין די איצטיגע טעג פון אונבעהערשטע ליידענשאפטען. די יודישע שונאים האָבען גאָרנישט געלערנט און ווילען גאָרנישט לערנען. אויף פערזאמלונגען און אין געוויסע צייטונגען (דערונטער אין נירנבערגער „שטורמער") ווערט אין אן אָפענער אָדער פארבעהאלטענער פאָרם געהעצט געגען די דייטשע יודען. מיר גלויבען, אז די פעראנטוואָרטליכע רעגירונגס־פאקטאָרען זענען נישט אינפאָרמירט וועגען דעם דאָזיגען געפעהרליכען צושטאנד אין זיין גאנצען פערנעהם. מיר האָבען דעריבער געהאלטען פאר אונזער פליכט מיטצוטיילען וועגען דער דראָהענדער געפאהר. די האס־שטימונג, וואָס ווענדעט זיך איצט געגען די יודען שטעלט זיך דערווייל נישט אָב, זי פערגיפטעט די דייטשע נשמה. מיר גלויבען נישט, אז דייטשע בירגער זאָלען זיך לאָזען שטויסען צו אנטי־יודישע עקצעסען. ווען דאָס זאָל אָבער געשעהען, וועט די מאכט בעשיצען די יודען מיט דער גאנצער ענערגיע. די דאָזיגע שוץ איז א געבאָט פון זיטליכען און מלוכה'שען פליכט. אויב דער דאָזיגער געבאָט וועט נישט אָבגעהיט ווערען, דאַן וועט דאָס פייער, וואָס ברענט איצט, זיך פערשפרייטען און קיינער ווייס נישט, וואָס עס וועט נאָך דורך די פלאמען ארומגעכאפט ווערען."

מהרסיך ומחריביך ממעך יצאו

חוצפה'דיגע ארטיקלען געגען חסידישען יודענטום אין די ציוניסטישע פרעסע

אין די לעצטע טעג האבען זיך אין די טשעכישע און דייטשע צייטונגען בעוויזען אריינערע ארטיקלען געריכטעט געגען דעם חסידישען יודענטום אין קארפ. רוס. די ארטיקלען האבען נאטורליך א שלעכטען רושם געמאכט אין די טשעכישע קרייזען, וועלכע האבען פאר די צייטונגס־ידיעות געגלייבט אָהן שום ספיקות.

די וואך זענען אראבגעקומען קיין מונקאטש איבער א מין טשעכישע זשורנאליסטען פון אלע גרעסערע צייטונגען און האבען זיך אונגעהויבען צו אינטערעסירען איבער די סאנזאציאנעלע חתונה וועלכע האט אויפגערודערט די וועלט־פרעסע.

די צייטונגס־רעדאקטערע זענען נאטירליך נישט צוגעלאסט געווארען צו קיין שום נאָהנטערע בעציהונג מיט'ן הויף, מיט דער מאטיווירונג, ווייל זיי האבען אבזיכטליך גראבע שקרים און בעליידיגענדע פראגען ארויסגעטראגט אויפ'ן קארפ. רוסישען חסידישען יודענטום.

די צייטונגס־רעדאקטערע האבען אזוינאך בעוויזען, אז די אלע שעדליכע ידיעות, האבען דעם אורשפרונג אין די ציוניסטישע פרעסע Selbstwehr און אין דעם טשעכיש יודישען צייטונג Rozvoj די האבען צוערשט געברענגט די אלע שיכפף־ארטיקלען און די טשעכישע בלעטער האבען אין דעם זין נור געמאכט תוספות. זיי זענען אבער נישט דער שולד, מחמת זיי האבען נישט געגלייבט, אז יודען (די ציוניסטען?) זאלען אזוי טענדענציעז קענען אהערשטעלען ענינים געגען זייערע אייגענע ברודער.

מיר האבען געהאט א געשפרעך מיט די רעדאקטארען פון די גרעסטע טשעכישע צייטונגען און מיר האבען ריכטיג פעסטגעשטעלט, אז די אויבענדערמאהנטע ציוניסטישע בלעטלעך האבען אין זייערע לעצטע ארטיקלען אבגעשריבען א זאלכע פראזען וועלכע זענען כאטש עלול צו ערנידריגען דאס אנזעהען און כבוד פון חסידישען זיור.

אויב די ציוניסטישע פרעסע אז אגב אין די ענינים אינפארמירט געווארען דורך אנדערע טינקעלע פערזאנען איז כמעט קיין ספק, עס איז אָבער גענוג א טרויריגע פעסטשטעלונג, אז ציוניסטען האבען אין זייערע בלעטער אהערגעשטעלט דאס קארפ. רוסער יודענטום ווי פשוטע בהמות בצורת־אדם.

אָט דאס איז זייער אהבת־ישראל און אין דעם בעשטעהט זייער אינטעליגענץ.

דאָס פארנעהמען פון די העזה'דיגע ארטיקלען פעראורטיילען מיר אויפ'ן געמיינסטען אופן און מיר זאגען, אז זיי האָבען זיך מיט דעם פערזינדיגט לגבי דעם כלל־ישראל.

די רעדאקטערע וועלכע זיינען דאָ שוין עטליכע טעג האָבען אונז פערשפראָכען, אז זיי וועלען די שקרים דעמענטירען און זיי וועלען פאר די וועלט אָבגעבען א קלאָר בילד איבער דעם חסידישען יודענטום ווי זיי וועלען רעהאביליטירט ווערען.

סיום פעסט ביי די חברה „דרכי תשובה" אין בערעגסאז

רכי תשובה אין בערעגסאס בעשטייט זייט צוויי יאהר און האָט אין משך פון דער קורצער צייט אויפגעוויזען א גרויסען ערפאלג אין לימוד התורה ויר"ש. האבען די נאך זאנטאג געמאכט א סיום אויף מסכת ראש השנה ביי וועלכע געלעגענהייט עס האבען טיילגענומען אלע מיטגליעדער און א גרויסער טייל פון די נכבדי העיר עס איז זיי אויך געלונגען צו בעקומען אלס גאסט דעם מונקאטשער רב שליט"א וועלכער איז פונקט געוועזען אין בערעגסאס אויף א סעודת ברית מילה. מונקאטשער רב שליט"א האָט געהאלטען זעהר א בעגייסטערטע תורה דרשה וועלכעס האָט אויף די אנוועזענדע א גרויס התחשקות אריינגעברענגט צו לימוד התורה.

מיליטערישע דיקטאטור אין גריכענלאנד

ווין: פון אטען מעלדעט מען, אז דאָרט איז נעכטען ערקלערט געוואָרען קריעגס־צושטאנד דער גענעראל פלאסטיראס האָט זיך ערקלערט אלס דיקטאטאָר און אראָבגעוואָרפען ווענעזעלאָס'ן און זיין רעגירונג. דער דיקטאטאָר האָט ארויסגעלאָזט אן אויפרוף צום פאָלק, אז די פארלאמענטארישע אָרדנונג איז שעדליך פאר גריכענלאנד און פיהרט צו קאָמוניזם.

אטען: אין דער לעצטער מינוט מעלדעט מען, אז דער דיקטאטאָר פלאסטיראס איז אראָבגעוואָרפען געוואָרען. עס איז געשאפען געוואָרען אן אָפיציר־רעגירונג אונטער דער אָנפיהרונג פון גענעראל אָטעאָנאָס.

עס זענען פאָרגעקומען קאמפען צווישען די אנהענגער פון ביידע דיקטאטאָרען 1 פערזאָן איז אומגעקומען און 25 זענען פערוואונדעט געוואָרען.

בריוו־קאסטען

הרב דר. וויינבערגער בערלין:
1) אייער ארטיקעל קומט אין אונזער נעכסטער (חתונה־יו"ט) אויסגאבע. 2) די לעגיטימאציע האבען מיר אין אייער אדרעס אבגעשיקט.

יועץ קאששוי:
איהר ווייסט אוודאי די מעשה: א הינט איז ארויסגעקראכען פון א קעלער און האט געזעהן די לבנה זעהר העל שיינען האט ער פאר כעס אנגעהויבען שטארק צו בילען, ער האט געמיינט אז די לבנה וועט פאר פחד אנטלויפען, און וואס מיינט איהר איז געווען דער סוף דער הינט איז מיד געוואָרען צו בילען און די לבנה שיינט ווייטער.

אבאָנירט די „יידישע צייטונג"

וויכטיג!

צוליב די קומענדע חתונה־חגיגה ביי כ"ק אדמו"ר מרן הגה"ק שליט"א וועט אונזער קומענדע נומער ערשיינען אין א יום־טוב אויסגאבע מיט א פערגרעסערטען אומפאנג און מיט א רייכען אינהאלט די צייטונג וועט ערשיינען ענדע די שבעת־ימי משתה.

מיר ערמעגליכען דאהער פאר אלע חסידים, ידידים און אנ"ש פון רב שליט"א, אז זיי זאלען זייערע

מזל־טוב־ברכות

אנשטאט טעלעגראמען אין אונזער צייטונג ביי די יו"ט נומער איינשאלטען.

דער מזל־טוב־פרייז איז פאר יחידים 10 קרוין. פאר חברות, קהלות אדער מ. גל. 15 קרוין. די סכומים קענען איינגעשיקט ווערען אין פאסטמארקען שפעטסטענס ביז מיטוואך קומענדע וואך.

די רעדאקציע „יידישע צייטונג"

VII Jahrgang אונזער היינטיגע נומער ענטהאלט טז זייטען ב"ה **No 11-12 (294-295)**

יודישע צייטונג

Židovské Noviny **Jüdische Zeitung**

אונאבהענגיגעס ארגאן פאר פאליטישע,ווירטשאפטליכע און קאנפעסיאנעלע אינטערעסען פון דעם ארטהאדאקסען יודענטום.

Unabhängiges Organ für politische, wirtschaftl. u. konfessionelle Interessen des Orthodoxen-Judentums

Redaktion u. Administration:
Mukačevo, Masarykova-u. 12.
Postfach No. 13.
Postscheckkonto: Prag, No. 54069.
Erscheint jeden Freitag
מיט דער איבערגאהמע פאן 3 בלאטטער. איינע ראס אבגאנגע אנצוקאננט.

Novinových známek povoleno výnosem č. 35731,-V-27 z 15/VI. 27.
מונקאטש, פרייטאג פרשת ויקהל פקודי תרצ"ג
Mukačevo, am 24. März 1933.
Filialen in Užhorod u. Košice.—פיליאלען אין אונגווער און קאשוי.

Verantwortl. Redakteur: L. KALLUS.

Abonnementspreis:

		Inland	Ausland
Ganzjährig:	Kč.	50.—	76.—
Halbjährig:	„	25.—	38.—
Vierteljährig:	„	13.—	20.—
Einzel-Nummer:	„	1.—	1.—

Annoncen laut Tarif.
קאנאסטאס וואויא אנצונגנעביהרען זינד צאהלבאר אונד קלאגבאר אין מונקאטש.

פרטים פון די גרויסע רבי'שע חתונה אין מונקאטש

א 10 טויזענד קעפּיגער עולם עמפּפאנגט דעם חתן מיט העניגליכע פאראד'עס. — אלע שטעדטישע באלקאנען און דעכער זענען פאלגעפאקט מיט יובלענדע. — די גאנצע שטאדט שטעהט אונטער דעם איינדרוק פון די שמחה־שטימונג

די ערשטע סצענע פון די גרויסע מונקאטשער חתונה — דעם חתן'ס איינצוג, האט זיך דאָ אבגעשפּילט אין א מאיעסטעטישען עמפּפאנגס־פאראדע, וועלכעס האט איבערטראָפען אלע ערווארטונגען.

מיט א שעה פאר'ן צוג־איינקונפט איז שוין דער באהנהויף בעלאגערט געווען מיט טויזענדער יודען פון די שטאדט און פון די נאנטע און ווייטע געגענד. אלעס איז געווען מיט יום־ פּנים'ער און מיט שבת־בגדים אנצע באהנגאס איז געווען סנעקסדר'ים די 30 פאַ־ [illegible]

יצינליך עק, אלע האבען זיך רעקרוטירט פון די הינע יונגער חברה „דרכי־תשובה", דאן האבען געבילדעט א שפאליר פון די ישיבה־בחורים און די מתוקי־תורה קינדער וועלכע זענען געווען פעריזהען מיט דירעקטע פעהנליך. דער הערליכער צוג האט זיך פארגעשטעלט א פירמטליכע פאראדע, וועלכע מונקאטש האט נאך קיינמאל [illegible] געהאט.

זייגער 9 א האלבע שעה פאר'ן צוג אנקונפט [illegible] שוין [illegible] די שכנות פון די באהנגאסען געשטיגען אונאויפהערליך. נישט איבערטריבענע שעצונג'ען האבען ערקלערט, אז זייער שעצונג רעכנט איבער 10 טויזענד. דער פעראָן איז מיט א גרויסע פאליציי־וואך אבגעשלאסען געווארען [illegible] און די אפיציעלע פערטרעטער פון די פערשידענע חברות און אינסטיטוציעס אריינגעלאזט. די צאהל פון די פערשידענע פערטרעטער האט אבער אויך בעטראָפען לערך טויזענד פערשוין און די פאליציי האט געהאט גרויסע שווער־ארבייט אויפצוהאלטען די ארדנונג ביים צוג־אנקונפט.

זייגער האלב 10 איז דער צוג אריינגעקומען. די טארקער מוזיק וועלכע בעשטעהט פון 12 יודישע מוזיקאנטען האבען אויפגעשפּילט א יודיש־לוסטיגען ניגון און אנדערער עק באהנהויף האט א II־טע קאפעלע אויפגעשפּילט א לוסטיגען ניגון.

דעם חתן האט צוערשט בעגריסט דער רב שליט"א, דער חתן האט דעם רב אבגעגעבען מיט א הארציגען קיש, וועלכער דער רב האט מיט שמחה־טרעהרען ערווידערט מיט דעם פסוק אלקים יחנך בני.

דער באהנהויף איז געווען מיט עטליכע הונדערטע פאטאגראפיע־ריפּארטערע און מיט עטליכע פילם־אפּעראטערע בעלאגערט, וועלכע האבען נישט דורכגעלאזט קיין שום ריהר און קיין שום בעוועגונג אהנע אויפנאמע.

דער אויסגאנג פון פעראָן איז דורך דעם המון פערזאמעלטען־עולם געוועזען דעראַרטיג בעלאגערט, אז גאנצע 80 אוניפארם פאליציי, 10 ציוויל־פאליציי און 5 פאליציי־קאמאנדאנטען האבען מיט שווער און גרויסע מיה קוים געקענט מאַכען א שפאליר דורכצולאזען דעם רב מיט'ן חתן ביז צו די דירעקטע קוטשען.

דער חתן איז אנגעקומען אין בעג־ [illegible] טער א ערך 20 נאנטע [illegible] זיין עטליכע 20 פּערזענליכקייטן און כתם חסידים און אנ"ש פון פארציווער רבי'ן ז"ל.

דער איינצוג

ביים אנהייב פון איינצוג האבען זיך די אוועציאָנען מיט די הילכדיגע יחי־קולות פערשטארקט. עס האט נאך דערצו געשפּילט די 2־ערליי מוזיק־קאפּעלעס וועלכע זענען געגאנגען פאר די עהרענ־רייטער, דאָס האט פאר דעם צוג געגעבען א אונגעהייער מאיעסטעטיש־אנזעהען. דער 10 טויזענדער קעפּיגער עולם האט מיט יום־טוב'דיגע פּנים'ער ריזיגע אוואציאנען געמאכט פאר'ן רב און פאר'ן חתן.

די שטעדטישע פאראדע־קוטשען אויף וועלכע דער רב שליט"א מיט'ן חתן זענען געפאהרען, איז ממש געפאהרען אין די לופטען, די נאָנטע חסידים האבען ארינגערינגעלט די פוס־טריט פאהרענדע קוטשען און זיי האבען מיט זייערע אקסעל געלייטעט און געפיהרט די קוטשען.

די אלע נאכען ווי דער עהרען־צוג איז דורכגעגאנגען איז דער המון פערגרעסערט געווארען. דער קריסטליכער המון איז געשטאנען אויף די דעכער אויף די פענסטער און אויף די באלקאנען און האבען מיט א ריהרענדען יראת־הכבוד צוגעקוקט דעם קעניגליכען־כבוד וואס דער רב געניסט ביי דער שטאדט.

דער עהרען־צוג איז דורכגעגאנגען רעזי ב׳ עמטער: שטייער אמט, נאציאנאל [illegible] פון די אלע עמטער האבען איבערגעלאזט זייערע אמטער און האבען זיך געדראפעט אויף די פענסטער'ס, באלקאנען און דעכער צוצוזעהען דאס זעלטענע היסטארישע זעהעניש, וועלכעס זיי האבען נאך מיט זייערע אויגען נישט געזעהען.

בכלל איז די גאנצע שטאדט געווען דורכגעדרונגען פון א אינערליכע שמחה־געפיהל. הונדערטער יודען האבען צוליב איינזעטע שמחה־געפיהלען געלאָזט טרעהרען. דער איינצוג האט בכלל ביי יעדען יוד דערוועקט א געוואלדיגען רעספעקט און כבוד־געפיהל פאר'ן יודישען כלל פאר'ן יודישען עמאָ'ן און ספּעציעל פאר'ן רב שליט"א.

נאָר ריהרענד איז געוואָ'ען די שמחה שטימונג ווען דער גרויסער פאראדע־צוג איז צוגעקומען צו אנפאנג סיהאלי־גאס פאר דעם דעקארירטען עהרענטאר אויף וועלכען ס'האט געפלאטערט די ישיבה און די חברה דרכי תשובה'ס בעגריסונגס־אנצייגען. דאָרט איז דער ריזען־צוג, וועלכער האט געהאט זיין ענדע אין די 3־טע גאס, שטיין געבליבען און די פערטרעטער פון די קהלה און פון אלע אינסטיטוציעס האבען אפיציעל בעגריסט דעם רב און זיין חשוב'ען גאסט דעם חתן.

ביי דער געלעגענהייט האבען מיט אזא רעש געארבייט עטליכע הונדערט פאטא־אטעליער, די גרויסע אמעריקאנער פילם־געזעלשאפט האט איש פון ניו־יארק [illegible] איהרע אייגענע [illegible] פון די אזוי וועלטבעריהמטער מונקאטשער חתונה.

נאך די בעגריסונגען האט דער רב שליט"א געדאנקט פאר די אפיציעלע פארטרעטער פאר זייער אזוי ווארימען בעטייליגונג אין זיין שמחה. ער האט ערקלערט, אז די אלע אוואציעס און הולדיגונגס־קונדגעבונגען, וואס די טויזענדער יודען טיילען איהם צו איז זיכער נור אין זכות פון זיינע אבות־הקדושים, וועלכעס יחוס עס גייט ביז דוד המלך.

ווען מ'האט דעם רב ערווענט, אז זיינע ווערטער ווערען דורכ'ן ראדיא טראנסמיסירט און מ'וועט דאס הערען אפילו אין אמעריקא האט דער רב בענוצט די געלעגענהייט אויף א אפעל צום אמעריקאנער יודענטום און האט פאלגענדעס געזאגט:

יודישע ברידער! אין דער פייערליכער שעה, ווען איך פיהר מיט השי"ת הילף מיין איינציגע טאכטער בשטו"ם צו דער חופה, וויל איך אייך אפאר ווערטער זאגען; איהר אלע זענט ביי מיר אונגעקניפּט אין הארץ, איהר געהערט אויך צו דעם איינהייטליכען יודישען פאלק. איהר זענט אבער עפּי רוב נישט יוצא לגבי דעם הייליגען שבת וועלכעס איז איינס פון יודישען דת, חילול שבת איז אזוי הארב ווי עבודה־זרה און איהר זענט ליידער אויף דעם געביט זעהר נכשל. שבת איז דער טאג וועלכער האט קיין בן זוג און די יודען זענען אויך א פאלק אהן א בן זוג. אלזוי דער שבת מיט'ן יוד זענען יא א פּאָר. איך בעט אייך הארציגע ברודער היט אָב שבת. איהר וועט זעהען, אז השי"ת וועט אייך געבען פרנסה נאך מעהר ווי ביז איצט.

אין זכות פון שמירת שבת זאגען אונזערע חז"ל וועלען מיר אויך האבען די גאולה בב"א.



א טייל אויסזיכט פון איינצוג אין דער באהן גאס.

דער מונקאטשער רבי אדמו"ר הגה"ק מוהר"ר חיים אלעזר שפירא שליט"א — דער בעל־השמחה

די כלה חי' פרומא רבקה
מונקאטשער רבינ'ס בת־יחידה.

דער פעסט־צוג האט דאן ווייטער געריהרט און אונטער הילכיגע יחי־קולות מיט מיט־ברכות איז דער רב שליט"א מיט'ן חתן אבגעשטיגען אין די דירעקטע סטאנציע פון ה. טענדיל יאקיוויטש. טויזענדער פערזאמעלטע זענען אבער נאך געבליבען דארט שטעהן און געוואלט דעם חתן ביז אין שטיב בעגלייטען. די פאליציי האט אבער צוליב דעם געוואלדיגען געדרענג מורא געהאט פאר סכנות נפשות, דערפאר האבען זיי די איינגענגע אבגעשפארט.

ווייטערדיגער אנלויף פון הונדערטער געסט

דער איבער 10 טויזענד קעפיגער עולם וועלכער האט זיך ביים דעם קבלת־פנים איינצוג בעטייליגט, האט נישט דעם הויך־פונקט דערגרייכט. ארום מיטאג און נאכמיטאג זענען די מונקאטשער גאסען צינגעוואקסען מיט הונדערטער נייע געסט. יעדער צוג האט אריינגעברענגט גרויסע עולמות געסט, די אויטאמאבילען און בוס־ [illegible] נאך [illegible] אליין זענען א ערך פון 100 פערשוין מיט אויטאס אנגעקומען א ערך פון 100 פערשוין בלויז פון בערעגסאז פער אויטא. דירעקטער אויטאבוס איז אונגעקומען פון דעברעצין, די אלע אויטאמאבילען זענען געווען חתונה־מעסיג דעקארירט און האבען געהאט גרויסע בילדער שילדען, אין איינע אויטאבוסען האבען די חסידים און חתונה־געסט מיטגעברענגט פעסליך משקה פון וועלכען זיי האבען אויף וועג בעקומען עבט יום־טובדיגע פנים'ער.

ארום 3 נאכמיטאג האט דער צושטראם פון נייע געסט דערגרייכט דעם הויכפונקט. לויט גרונדליכע גיבערענדע שעצונג, האט דער עולם געסט און היימישע בעטייליגטע ביי דער חתונה דערגרייכט 14־15 טויזענד פערשוין. פון די אלע בעטייליגטע האבען נאטירליך כמעט א דריטעל נישט געקענט אריין גיטעמאהל אין דעם ריזען־הויף און האבען געמוזט צוטרערען און צוזעהען די חתונה פון עטליכע הונדערט מעטער ענטפערנונג.

דאס האט אויך געשעהען מיט עטליכע נאנטע קרובים און מחותנים וועלכע האבען ביי דער חופה געזאלט כיבודים בעקומען האבען זיי נישט געהאט די מעגליבקייט אפילו אין הויף אריינצוקומען.

דאס געדראנג פון די זשורנאליסטען און זייער גרייסער בעטייליגונג.

דער אינטערעס צו דער חתונה־בייוואהנונג, האט אבשטארקסטען זיך ארויסגעוויזען ביי די וועלט־פרעסע. שוין א גאנצע וואך האבען צעהנדליגער זשורנאליסטען זיך בעוועגט אין מונקאטש און אויפגענומען פערשידענע בעריכטען און פאטאגראפישע אויפנאהמען פון יעדען מונקאטשער ווינקעלע. חתונה־טאג איז אבער די צאהל זשורנאליסטען געשטיגען אוש ביז קנאפע 50. פון וועלכע א ערך 15 זענען פערטרעטער פון אויסלענדישע צייטונגען. אלע אינלענדישע משעכישע טאגצייטונגען האבען ארויסגעשיקט זייערע שעף־רעדאקטערע, עס האט פערזענליך אנטייל גענומען דער שעף פון דער משעכישער פרעסע־סינדיקאט דר. מארינען און דער שעף פון דער טשעכישער טעלעגראף־פען־אגענטור טט. ט. ק. ווארשויער, קראקויער, בערלינער, פראנקפורטער, פאריזער, לאנדאנער און יוגאסלאווישע זשורנאליסטען האבען יעדע שעה אבגעשיקט פאר זייערע רעדאקציעס טעלעגראפישע ידיעות פון די אינטערעסאנטע סצענעס.

די זשארנאליסטען זענען אין א דירעקט ציסער אין רב'ס שעהנע סוכה אויפגענומען געווארען. פון די פערשיעדענע גוי־סובה'ים וועלכע בעשטעהען אנטיקיטעשען און אהנע א שיעור זעהגווירדיגע אינטערעסאנטע געבעלעכצער און טייערע וואנד־טאוולען האבען די זשורנאליסטען ממש געשטוינט און בעוואונדערט.

די פרעסע־פערטרעטונגען זענען פון א דירעקטע קאמיטע עמפפאנגען געווארען פון וועלכער קאמיטע אונזער פראגמען־רעדאקטאר איז געוועזען דער אבגא־ [illegible]

[illegible] ען צו די כלה־בעגריסונג

זייגער 4 נאכמיטאג איז די כלה אין בעגלייטונג פון די יודישע מוזיק צר געגאנגען צו דער שטיבל וועלכע איז אין רבי'ס ביהמ"ד. צו דעם צוועק אהערגעשטעלט געווארען.

די שטיבל איז שיין דעקארירט געווארען מיט טעפיכער און בלומען. תיכף האט זיך אנגעהויבען דער אנדראנג פון די היימישע און פרעמדע פרויען וועלכע זענען געקומען די כלה גראטולירען. דאס גרויסע ביהמ"ד וועלכעס קען אויפנעהמען מינדעסטענס 12־15 הונדערט פערזאן האט זיך תיכף ארויסגעשטעלט, אז דאס איז קליין צו דעם צוועק די פאליציי האבען מורא געהאט פאר סכנ"נ און זענען געצוואונגען געוועזען אנצושרייטען. 10 פאליציי זענען געשטאנען ביי דעם איינגאנג און האבען בלויז אזויפיל פרויען אריינגעלאזט וויפיל ס'זענען דורך די אנדערע טיר ארויסגעגאנגען.

דאס געוואלדיגע געדרענג ביים חתן אין קהל'ס־סאלון

אין דער וועלבער צייט איז פארגעקומען דעם חתנ'ס זיצן מיט די בחורים אין קהלהים גרויסען סאלון. דאס געדראנג און ענגעניש איז אויך דארט אזוי גרויס געוועזען, אז די פאליציי האבען געמוזט אבשפארען דעם איינגאנג.

דיענייערינע צו זעהען דעם חתן, און דעם בעריהמטען בדחן און די בעריהמטע מוזיק, האבען געמוזט בלייבען אין דרויסען. אווינאך איז די קהלה'ס סאלון אויך אין דרויסען בעלאגערט געוועזען פון הונדערטער געסט. די קהלה'ס הויז האט וועהר א יום־טובדיגע אויסזעהן געהאט מיט דעם שעהנעם ווירענעם „דרכי־תשובה" פאהן וועלכער האט אנגעצייגט, די גרויסע שמחה.

די חופה

זייגער [illegible] 8 באנאכט זענען אונגעהויבען געווארען צו מאכען די תכנות צו די חופה

די פאליציי זענען אבער צוליב שווערע ארבייט ממש אויפ'ן פנים געפאלען, דער פאליציי־פרעזידענט הערה, דער הינער פאליציי־ראט בלעכא און א גאנצע רייהע פאליציי קאמיסערע פון אוזהאראר אין מונקאטש האבען געלייטעט די ארדנונגס קאמאנדע מיט א ערך 80 פאליציי. זיי זענען אבער לגבי דעם ריזיגען המון אונמעכטיג געוועזען. עס זענען צוגעצויגען געווארען צו ארדנונגס־הילף 30 אוניפארמירטע פייערלעשער און די 25 הוסארען־רייטער. די אלע האבען מיט שווייס־ארבייט געקעמפט מיט דעם המון עס האט אבער ווייניג גענוצט. הינדערטער מענשען זענען געשטאנען אויף די דעכער אויף די ביימער, אויף די פענ־ [illegible] א קאטאסטראפע. עטליכע פערשוין זענען פון דעם געדרענג חלשות געפאלען.

זייגער 8 איז דער חתן אין בעגלייטונג פון די אונטערפיהרער דעם הייגען רב שליט"א און בירטשער רב אין בעגלייטונג פון די אלע מחותנים מיט אויפשפילונג פון די מוזיק צוגעגאנגען צו דער חופה. אין דער מינוט האבען זיך אונגעצינדען די ריזען־גרויסע 10 טויזענד וואט שטארקע עלעקטער־לעמפ וועלכע מאכען ממש ווי א טאגעס־ליכט בעלייכטעט דעם גאנצען הויף. די שעהן אויפגעפוצטע חופה מיט די בלומטשירינע זאנען־לאמפען ארומגערונגעלט מיט די 15 טויזענד יובעלענדע געסט האט לויט זיך פארגעשטעלט א העריך זעהעניש דערארט, אז אלע אנוועזענדע האבען דורך און דורך געשפירט געהייבען און געריהרט פון א פייערליכקייט־אקט וועלכעס מקען נישט אפטמאהל אין לעבען מיטמאכען.

די כלה איז דערנאך צוגעפיהרט געווארען אין בעגלייטונג פון די מחותנת'טעס, פון די מוזיק און פון די אויבערסטע פאליציי־קאמענדאנטען וועלכע האבען מיט זייערע פלייצעס דורעגעבראכען א וועג דורכצוגעהן.

דער רב שליט"א איז אויף די חופה־פודיום פאר די סידור־קידושין ווידער בעשטירט געווארען פון הונדערטער חסידים וועלכע האבען געוואלט אין אזא עת־רצון זייערע ערנסטע בקשות מזכיר זיין, דאס האט ווידער זעהר פערשווערט די פאליציים ארבייט.

די סידור־קידושין

מסדר־קידושין (ברכה־ראשונה) געוועזען האט דער ספרונשיווער רב הגה"צ מוהר"ר נתסי' א פעטער פון חתן און געשוועסטערקינד פון די כלה. די כתובה האט געליינט דער אויהעלער רב הגה"צ מוהר"ר דוד'ל סייזעלס, די ברכת שני' האט געזאגט דער קאסארנער רבי הגה"צ מוהר"ר שלום סאפרין, ברכה אחריתא האט געזאגט דער אונגווארער רב הגה"צ מוה"ר יוסף אלימלך כהנא.

די אנוועזענדע ביי די חופה:

ווי מיר האבען שוין געמאלדען איז די חופה־אקט פארגעקומען אין אנוועזענהייט פון א ערך 15 טויזענד פערשוין. מיר ווילען דא אבער אויסרעכענען די פראמינענטע רבנים וועלכע האבען זיך ביי דער שמחה בעטייליגט מיר ברענגען נור די פאלגענדע, מחמת מיר זענען לעת־עתה נישט אין דער לאגע געגוי ארויבציברענגען אלע בעטייליגטע רבנים, מחמת ס'איז ממש נישט מעגליך געוועזען צו פיהרען א חשבון ביי אזא עולם קינן ע"ה.

די בעטייליגטע רביים און רבנים וועהרענד די חתונה און שבע־ברכות

די רביים: תה"צ ר' שלום אליעזר סראצפערט (בן ההצה"ק מצאנז זלה"ה), הה"צ מקאסאני, סבירטש, מריבימיטש (בלאנשוב), קאמארנא, סטריזשוב, קאליב, הוסיקאזי, אויך די בנש"ק הרב ר' שמואל מבארדיוב, הרב ר' חיים יעקב סאפרין סאווהאראד, הרב הגאון ר' חיים שלמה הארוויטץ־שפירא, הרב ר' יקותיאל סבארדיוב, הרב ר' שלמה שפירא מיחאליוויטץ.

די רבנים: אונגוואר, הרב פראג. דר. וויינבערג בערלין, טארנער, קירכדארפער, אויהעלי, העלמעצער, דאלהאער, ה. מאדער, רב"ד סבערענסאס, טארקאני, נירעדיהאז, קעזמארק, סוואליווא, ר. סעריאהעלי, משאפ, סערעדניע, שאפ־אן (ערדענבורג), מאדרי, קאפיש, פוליש־מעשין, מש.־מעשין, טאלא, ביטשקעוו, קרעסטעוב, באלקאני, סגינא, בגעריקאוויטש, ברעגא [illegible] פ־דיארבאט, קערעסטעש, דארא, ביקעני, האלאס, קאמורען, פאלי־יאזשר, ניר מעדיעש.

וויסק, ראדוואנקא, פעט [illegible] ליפשא דיורע, ראסבראד.

די דיינים: הרב ר' שלום נח לאנדוי ווערעצקי, קעזמארק, הדיינים מאווש־הארד, הדיינים מסיהאליוויטש, הדיין סאילאק, הדיין סוואליין.

די בעטייליגטע זשארנאליסטען

א ערך פון 50 זשארנאליסטען צווישען זיי פין פוילען, יוגאסלאוויען, אונגארן, רוסעניען, ענגלאנד און ביינעם איירעס אין א ערך פון 10 שעף־רעדאקטערע פין די גרעסטע משעכישע מאגנעם־בלעטער דער שעף פון טשעכישען זשארנאליסטען סינדיקאט, דער שעף פין דער טשעכישער אמטליכע פרעסביורוי טש.ט. ק. האבען זיך ביי דער חתונה בעטייליגט, דאס הייזיגע פאסטאמט האט אונאויפהערליך איבערגעשיקט טעלעגראפישע און טעלעפאנישע ידיעות פאר די פערשידענע צייטונגס־רעדאקציעס.

די זשארנאליסטען בעגריסען דעם רב שליט"א. וועלכעס ער רעוואנזשירט זיי

ת"כף נאך דער חופה האבען די זשארנאליסטען ארויפגעשיקט א בעגלי־טעכטיגען צום רב שליט"א און איהם איבערגעטיטעלט די בעגריסונג און מזל־טוואונש אין נאמען פין די אין און אויסלענדישע פרעסע. דער רב שליט"א האט וואריס געדאנקט פאר דער בעגריסונג און האט איהם פערשפראכען אז ער וועט די זשארנאליסטען דעם וויזיט רעוואנזשירע אין זייער פרעס־ציסער.

דעם רב שליט"א'ס אנשפראכע פאר די זשארנאליסטען

דער רב שליט"א איז אין בעגלייטונג פין עטליכע מחותנים אראבגעקומען צו די זשארנאליסטען, וועלכע האבען איהם יעדער אויף זיין שפראכע גרויסע אוואציעס געמאכט.

Koscher Schokolade FISCHER vorzüglich
Mit Attest des Herrn Rabbiners HEINRICH PACK.

אלס ערשטער האט אונזער פערטרעטער, רעדאקטאר ח. לייזער מעכיל קאליש אלס אויבמאן פון דער פרעסע־ארגאניזירונגס־קאמיטע געהאלטען א קורצע אנשפראכע צום רב שליט"א אין וועלכען ער האט אין נאמען פון די זשורנאליסטען צום אויסדרוק געבראכט זייער כבוד־געפיהלען פון דעם רבי'ס בעזוך.

דער רב שליט"א האט דאן געריכטעט א אנשפראכע צו די זשורנאליסטען אין וועלכען ער האט זיי געדאנקט, פאר זייער אויפמערקזאמקייט לכבוד זיין שמחה און צוליב זייער פערזענליכע בעטייליגונג. ער האט נאכגעזאגט ביסמארק'ס ווערטער וועגען די וועלטס גרויס־מעכטע, אז איינע פון זיי איז די „פרעסע". דער רב שליט"א בעהויפטעט, אז מאקע די שטארקסטע וועלטס־מאכט איז די פרעסע. ער פערלאנגט דאהער פון דער וועלט־מאכט, אז זי זאלען זייער מאכט נישט אויפבויען אויף יסודות פון דיקטאטור אדער שקרים. די צייטונג זענען וויכטיגע פאקטארען אין דער וועלט־מאכט, זיי זאלען דאהער פערוענדעט ווערען מיט'ן אמת מיט'ן שלום און ברידערליכקייט. איהם זאגט דער רב איז איינע געשעצט די פרעסע פון אלע נאציאנאליטעטען. ווייל מיר ארטה, יודען אין דער גאנצער וועלט זענען לאיאל צו יעדער שטאאט ווי מיר וואהנען.

אויף דעם רבי'ס אנשפראכע האבען געאנטווארט אויף דייטש — שעף־רעדאקטאר האוואש, אויף אונגאריש, — שעף־רעדאקטאר וואזארי, אויף טשעכיש דער שעף פון טשעכישען פרעסע־סינדיקאט. די אלע 3 אנשפראכען האבען אין נאמען פון זייערע זשורנאליסטען קאלעגען אויסגעדריקט זייער אינניגסטע שמחה און כבוד געפיהל וואס דער רב האט זיי בעזוכט. זיי האבען אבגעגעבען א הארציגען מזל טוב און פערשפראכען פאר'ן רב צו הערען זיין מוסר, צו לייטען די וועלט־פרעסע אויף דעם באזיס פון אמת און פרידען.

די זשורנאליסטען זענען אויפגענומען [illegible] ביי א זיסען טיש.

די פערזענליכע און טעלעגראפישע בעגריסונגען

נאך די חופה פון 10 א זייגער אן זענען אויפגענומען געווארען די בעהערדליכע, די אינטעלעקטועלע און בכלל די פערזענליכקייטען וועלכע זענען געקומען דעם רב מזל־טוב־וואונשען.

צו דעם צוועק איז דירעקט רעזערווירט געוועזען די דירה פון יונגען פאר־פאלק. דארט זענען אנוועזענד געוועזען פערטרעטער פון אלע היזיגע ציוויל און מיליטער בעהערדען, עטליכע הויכע בעאמטער פון לאנדעס־אמט, דער יונגער גראף שענבארן, דער דירעקטאר פון די ביער־ברייעריי, כמעט אלע היזיגע באנק־דירעקטארען, פאבריקאנטען און א גאנצע רייהע אדוואקאטען, ערצטע און אינזשיניערע.

די געסט זענען עמפפאנגען געווארען דורך א ספעציעלע עמפפאנגס־קאמיטע, און מיטען זייער אונטערהאלטען זיך האט אויך דער רב שליט"א מיט'ן חתן זיי אבגעגעבען א וויזיט און זיי געהאלטען אנשפראכען. ביי דער געלעגענהייט האט דער חתן אין דייטשער און אין פוילישער שפראך געהאלטען דאנק־זאגונגען פאר זייערע מזל־ברכות.

אויסער די מינדליכע מזל־ברכות זענען א ערך פון 300 טעלעגראפישע מזל־ברכות צוגעקומען. צווישען ווי פון דער קאבינעטס־קאנצליי, פון קולטוס, פון אינערן און פון אייסערן מיניסטעריום, פון לאנדעספאסט פרעזידענט ח. ראזיפאל פון אונצעהליגע פארלאמענט און סענאט'ס אבגעארדנעטע פון פינאנץ־פרעזידענט [illegible]ונלער און פון א גאנצע רייהע הויכגעשטעלטע מלוכה־בעאמטע.

אויך א ערך פון 80 רבנים האבען זייערע מזל־ברכות טעלעגראפיש איבערגעמיטעלט און דרשה־געשאנקען געשיקט. די איבריגע מזל־טעלעגראמען זענען פון קהלות חברות ידידים חסידים און אנ"ש פון רב פון אין און אויסלאנד.

די סעודה

זייגער 11 באנאכט האט די סעודה אין רב'ס ביהמד"ר בעגאנען. אין דעם גרויסען ביהמד"ר האבען אבער בלויז א ערך פון 600 געסט ביי טישען געקענט בעקומען פלאץ. דאס זענען געוועזען די קרובים, די רבנים און די חסידים און אנ"ש פון אויסלאנד. די איינלענדישע חסידים און ידידים האבען וועגען פלאץ מאנגעל ליידער נישט געקענט צוזאמען מיט די חברייא קדושה זיין ביי דער סעודה, זיי זענען אבער אין די שכנות לאקאלען מיט א נאכטמאהל־סעודה אויפגענומען געווארען. די היימישע געסט פון שטערן און פראווינץ האבען צוליב דעם גרויסען עולם אבגעטרעטען און האבען בלויז אין הויף פערברענגט די צייט ארום די פענסטער'ס. פאר די היימישע און גליל בעיב איז א דירעקטע סעודה געמאכט געווארען ביי די שבע־ברכות זאנטאג.

די סעודה האט אזוי אנגעדויערט ביז זייגער 5 אינדערפריה, ערשט דעמאלט האט מען געמאכט דאס מצות־טענציל. די שמחה פון די רבנים און חסידים מיט דער בעגלייטונג פון די בעריהמטע מוזיק האט דערגרייכט עד לב השמים.

די גרויסארטיגע סעודה פאר אורימע־לייט א טאג פאר די חתונה

דינסטאג א טאג פאר די חתונה איז אין רב'ס ביהמד"ר געמאכט געווארען א גרויסארטיגע סעודה פאר אלע אורימע־לייט פון דער שטאדט און פון דער סביבה.

צו דעם צוועק זענען געדעקט געוועזען 35 לאנגע טישען סעפעראטע לאקאלען פאר מענער און סעפעראט פאר פרויען.

א ערך פון טויזענד אורימע־לייט האבען ביי די טישען פלאץ גענומען און נאך עטליכע צעהנדליגער זענען ארום די טישען געוועזען. די אורימע־לייט האט מען געמאכט א סעודה כסעודת שלמה בשעתו. גרויסע פארציעס פיש, בראטען מעהל־שפייז און משקה לרוב, אזוי וואס האבען נאך די מונקאטשער אורימע־לייט נישט געקאסט.

דער רב שליט"א האט אליינס בעדינט ביי די מענער און די רביצין תחי' ביי די ווייבער. אויסער די סעודה האט יעדער אורימאן בעקומען געלד [illegible]-5 קרוין.

די סעודה האט גענומען א אויסטערליש בילד, אויך דא האבען צעהנדליגער פאטא־אטעליער אויפגעכאפט די אינטערעסאנטע סצענען.

די איבער טויזענד פערזאמעלטע אורימע־לייט זענען פון דער סעודה אוועק געגאנגען זאט און העכסט צופרידען.

סדר היוחסין פון חתן כלה

די לעזער פון אונזער צייטונג זענען בלתי ספק נייגעריג צו וויסען דעם יחוס פון די חתן־כלה דערפאר וועלען מיר קורץ אבגעבען דעם יחוס־שטאם. **דער יחוס נאכ'ן יוד הקדוש זי"ע:**

1) דער חתן מוה' ברוך יהושע ירחמיאל שליט"א איז א זוהן פון (ערשט פאר 2 יאהר נפטר געווארען) 2) פארציווער רבי'ן הנה"ק מוה"ר נתן דוד זללה"ה וועלכער איז א זוהן פון 3) ביאלער רבי'ן הנה"ק מוהר"ר יצחק יעקב זללה"ה וועלכער איז א זוהן פון 4) הנה"ק מוה"ר נתן דוד משידלאווצע, א זוהן פון 5) פרשיסחא'ער הנה"ק מוהר"ר ירחמיאל זללה"ה. וועלכער איז א זוהן פון 6) פרשיסחא'ער הנה"ק מוהר"ר יעקב יצחק **דער יוד הקדוש זללה"ה.**

דער יחוס נאכ'ן סאנצער צדיק זי"ע!

דעם חתנ'ס מוטער תחי' איז די טאכטער פון סטריזשיווער רבי'ן הנה"ק מוה"ר משה ליב זצללה"ה. וועלכער איז געוועזען א איידעם פון הנה"ק ר' ברוך'ל פון גארליץ זללה"ה. א זוהן פון הייליגען צאנזער צדיק בעל דברי חיים זללה"ה.

דער יחוס נאכ'ן ישמח משה זי"ע

אלס אייניקעל פון גארליצער רב זללה"ה וועלכער איז געוועזען א איידים פון סיגעטער רב בעל ייטב לב זללה"ה, א זוהן פון אדמו"ר דראהאביטש. הנה"ק מוה"ר אלעזר ניסן זללה"ה, דער זוהן פון אויהעלער רב הנה"ק בעל ישמח משה זללה"ה.

דער סדר־יוחסין פון די כלה

דער יחוס ביז צום „בני יששכר" זללה"ה

די כלה חיי' פרומא רבקה, די טאכטער פון כ"ק אדמו"ר מרן הנה"ק מוהר"ר חיים אלעזר שליט"א. דער זוהן פון הייליגען בעל „דרכי תשובה" זללה"ה, דער זוהן פון הנה"ק מוה"ר שלמה'לע שפירא זללה"ה, דער זוהן פון לאנצוטער רב הנה"ק מוהר"ר אלעזר זללה"ה, דער זוהן פון רבי'ן ר' הירש מיילך בעל בני יששכר זללה"ה.

דעסועלבען יחוס האט אויך דער חתן אלס אייניקעל פון הנה"ק מוהר"ר שלמה שפירא זללה"ה.

דער יחוס ביז צום ראפשיצער צדיק, זללה"ה

די כלה, אלס אייניקעל פון „דרכי תשובה" זללה"ה, וועלכער איז געוועזען א איידעם ביים אולינויער רבי'ן הנה"ק מוהר"ר חנינא הארוויטש זללה"ה, דער זוהן פון מעליצער רבי'ן הנה"ק (און א איידעם פון הנה"ק מוהר"ר אליעזר זללה"ה דער דזשיקיווער רבי זללה"ה) א זוהן פון הנה"ק מוהר"ר נפתלי צבי הארוויץ פון ראפשיץ.

דער יחוס ביז צום קאמארנער רבי'ן בעל היכל־הברכה זללה"ה

די כלה איז פון מוטערס צד די מונקאטשער רביצין, די טאכטער פון פריה־רינען קאמארנער רבי'ן הנה"ק מוהר"ר יעקב משה סאפרין זללה"ה, דער זוהן פון הנה"ק מוהר"ר אליעזר צבי, דער מחבר פון דמשק אליעזר זללה"ה, דער זוהן פון קאמארנער רבי'ן הנה"ק מוהר"ר יצחק אייזיק סאפרין דער מחבר פון היכל־הברכה זללה"ה.

די חתונה־איינדרוקע ביי אונזערע יודען

ביי די אלע טויזענדער טיילנעהמער פון דער היסטארישער חתונה, ובפרט ביי די היגע שטאדט־בעפעלקערונג איז געבליבען א אייביג זכרון אן די חתונה־ערשיינונג וועלכע האט ריהרענד געווירקט אויף יעדען איינעם.

טאקע ביי דעם אנהויב פון די פייערליכקייטען, ווען די 10 טויזענד יודען זענען מיט געהויבענע קעפ אין פאמע מיטוואך מארשירט אין די שטאדט גאסען, מיט שטריימליך בעקישעס מיט לאנגע קאפאטעס, ווי די נישט־יודישע בעפעלקערונג האט מיט א הכנעה און יראת־הכבוד געקוקט וואס פאר א כבוד יודען זענען אימשטאנד אבצוגעבען פאר זייער מנהיג, אט דער ערשטער אקט, האט שוין א ריהרענדען איינדרוק געמאכט ביי יעדען. יודען האבען אין די גאסען פערגאסען שמחה־טרעהרען, טרעהרען וועלכע זענען געקומען פון אינניגסטע שמחה־געפיהלען צוליב דעם טריאומף און שטאלץ פון כבוד־התורה. ביי יעדען יחיד האט מען אבגעליינט דעם זעלבען געדאנק, אז די האפנונג אויף דעם יודישען שטאלץ האט אויפגעבליהט, מ'האט מיטאיינמאהל דערשפירט, אז דאס מונקאטשער יודענטום איז בגדלות המוחין.

* * *

נאך טיפער געריהרט פון די שמחה־איינדרוקע איז דער המון געווארען ביים דערנעהנטערן זיך צום עהרען־טאר. צו דעם טאר ווי יודישע זיידענע פאהנען מיט „חגו כבוד לתורה" און „ברוך הבא" אויפשריפטען האבען געפלאטערט, דארט האט מען געזעהען ווי פארטרעטער פון די שטאדט, פון די רעליגיעזע און וועלטליכע אינסטיטוציעס, די בעהערדליכע פארטרעטער, די יונגערע און עלטערע גענעראציאן האבען אלע שמחה'דיגע און עהרענפאלע בעגריסונגען אבגעגעבען. דארט האבען די ארגאניזירונגס־ארבייטען, די ארדנונגס־קאמאנדאנטען מאקע די העכסטע פאליציי־אפיציערע אלע אין יום־טוב מאנדורען זייער דינסט געלייסטעט. ווער ס'האט דאס בעאבאכטעט, האט געקענט פון דעם אליין שעפען א חיות און א תענוג־רוחני.

* * *

אבער די ארגאניזירער־גארדא קען מען אויך נישט דורכגיין אהן א שום באמערקונג. די ארגאניזירער האבען זיך אנגעהויבען פון די בחורים וועלכע האבען געבילדעט א שעהנע טרופע־פאר־פאהרער ביז צו די חברה דרכי־תשובה, מיטגלידער וועלכע האבען פון זייערע אייגענע מיטגלידער אהערגעשטעלט א גראנדיעזע רייטער־גארדא. זיי פערדינען באמת גרויס אנערקענונג. זייער דיסציפלין איז געוועזען מוסטער־האפט.

אזוי פערדינט אויך א בעזונדערע אנערקענונג פאר די ארגאניזירער פון די פרעסע און בעהערדליכע עמפפאנגס־קאמיסיע, וועלכע האבען די הויכע פראמינענטע פערזענליכקייטען מיט אלע געבוהרענדע העפליכקייטען אויפגענומען. די ארגאנזשירער זענען אלע געוועזען חסידים און שמיבעל־מענשען פון רב שליט"א. זיי האבען זייער מיסיאן אויסגעצייכענט דורכגעפיהרט. כאטש זיי האבען צו אזוואס קיינמאהל קיין פראקטיס נישט געהאט.

* * *

און די חתונה אליינס. אויסער די קארגע 100 רבנים וועלכע האבען זיך פערזענליך משתתף געווען מיט'ן גדול הדור, אויסער די אלטע פריהעריגע ידידים האט די חתונה געברענגט א התקרבות אויך צווישען די רבנים וועלכע די וועלט האט געמיינט, אז זיי האבען חלוקי־דיעות. אזוי צום ביישפיל האט דער קאמאניער רבי שליט"א בענוצט די חתונה־געלעגענהייט און איז פערזענליך אריבערגעקומען אין בעגלייטונג פון א ערך 50 חסידים ביי די באהן־סטאציע האט איהם א געזאנדשאפט פון דער פארבערייטונגס־קאמיטע זעהר אויספאזאנג און ווארים עמפפאנגען. און האט זיך נאך אינטים משמח געוועזען ביי די חתונת־שמחה. עס איז אויך געוועזען צוזעהען ווי אדמו"ר שליט"א האט ביי די סעודה זיך מיט איהם משתעשע געוועזען בדברי תורה. די רבנים שליט"א פון חוסט, וואלאווע, סלאטפינע, יאסינע און דער אוזשהארער ראב"ד האבען אויך זעהר ווארימע מזל־טוב ברכות און א סך נאך ווערטפאלע דרשה־געשאנק מתנות געשיקט. דאס זענען אלע סימנים, אז די הארמאניע צווישען די קארס. רומער גדולים קען אויפרעכט געהאלטען זיין וועלכעס איז בלתי ספק א געוואלדיגע נחיצות פאר'ן כלל, אט די סימנים פון יודישען אחדות האבען אויך מיטגעווירקט די שמחה־שטימונג העכער און לוסטיגער צו מאכען.

* * *

אינטערעסאנט איז אבער געוועזען די גראטולאציאנס־ברכות פון די גאנצע וועלט אויסער די קארגע 300 טעלעגראפישע גראטולאציעס פון פערשידענע פראמינענטע יודישע און נישט־יודישע פערזענליכקייטען, זענען אנגעקומען עטליכע הונדערט בריוו פון יחידים פון פערשידענע מדינות. וועלכע ענטהאלטען נאר אינטערעסאנטע ברכות אויף מליצה'ס און פערשידענע פאעטישע שירים, צווישען די הונדערטער בריעף זענען פערהאנען צעהנדליגער בריוו פון עסטרייך, דייטשלאנד, אונגארן, פוילען,

רומעניען און אויך עטליכע איטאליענישע און פראנצויזישע דאס רוב פון ווי איז פון קריסטליכע פאבליציסטען, ליטעראטורגי'ען און פון סתם קאפאציטעטען. ווען ס'זאל פון די אלע בריוו מאכען א אלבום וועט מען האבען א ווערטער־שאץ פון אלע דור־הפלגה שפראכען, מ'קען דערפון נאר לייכט ווערען א פילילאג.

* * *

איינס פון די אינטערעסאנטע זעהעניסען בשעת דער חתונה, איז בלתי ספק געוועזען דער ניי־ענדעקטער יודישער אָדער חסידישער פאָהן.

דאָס איז דער פאָהן מיט די פארבען „וויס, רויטה, געלב, בלוי" וועלכע די היגע חברת־דרכי־תשובה האָט לויט מקורות פון כתבי הקבלה פעסטגעשטעלט. אז דאָס איז דער אורשפרינגליכער יודישער פאָהן, מיט די פארבען האָבען זיך די יודען בענוצט תיכף נאכן ארויסגיין פון מצרים, דאס זענען די פארבען תכלת, ארגמן, תולעת־שני און שש.

דער נייער פאָהן האָט וועהרענד די גאנצע זיבען חתונה־טעג געפלאטערט אויף די קהלה'ס געביידע און יעדער פארבייגעהער האָט מיט גרויס רעספעקט צוגעקוקט ווי אויף דעם שעהנעם פאָהן איז די אויפשריפט : „דגל החברה דרכי־תשובה".

דער פאָהן מיט די היסטארישע פארבען ווערט שוין פון היינט אָן בלתי ספק גענוצט ווערען ביי אלע חסידישע און סתם יודיש־רעליגיעזע חגיגות. ווייל ווי עס זעהט אויס שטיצט זיך דער פאָהן מיט די פארבען אויף די גרונדלאגען אין ספר הקבלה „פרדס" עס איז בלתי ספק, אז דער נייער פאָהן וועלכער איז א סימבאָל פון רעליגיעז־יודענטום (לויט'ן פרדס זענען די 4 פארבען כולל די מידות פון חסד גבורות ת"ח מלכות — וועלכע זענען כולל אלע עשר ספירות) וועט אוועקשטויסען דעם וויס־בלויען פאָהן וועלכען די ציוניסטען האלטען בלויז פאר א נאציאנאלען־סימבאָל.

אלעגפאלס האָט דער 10 טויזענד קעפיגער עולם געמאכט א שהחיינו איבער א יודישען פאָהן וועלכער איז ריין פון יעדען שמץ ציוניזם און וועלכער איז כשר וישר אפי' לבעלי קבלה.

* * *

ווען מ'שליסט שוין פון די חתונה, ווען מ'נעמט יישר־כוחות פאר די ארראנזשירער'ס און מ'שטרייכט אונטער די בעזונדערע ערשיינונגען איז גלייך צו ערוועהנען, אז דאס וועטער האָט זיך גאר שיין אויפגעפיהרט. ממש ווי אונגעפרעמט, 2 טאג פאר די חתונה איז נאך געוועזען רעגענס, קעלט און בכלל א פוילע צייט 1 טאג פאר די חתונה ווען די הכנות צו דער חתונה האבען זיך אונגעהויבען איז די צייט ממש פערוועקסעלט געווארען, ס'איז מיט איינמאהל אונגעקומען א זאמער־וועטער, עס איז געווארען א וואריםקייט, א טריקענע ממש ווי אין חודש סיון, מיטוואך ווען די שבע־ברכות האבען זיך געענדיגט איז די צייט ווידער פערוועקסעלט געווארען אין די קעלטען די ווינטען האבען ווידער זיך אומגעקעהרט. עס איז לפי"ז מיט'ן יושר גלייך אבצוגעבען א יישר־כח פאר'ן „גרויסען" ארראנזשירער פון וועטער וועלכער האָט ערמעגליכט פאר די טויזענדער געסט זיי זאלען זיך אין דער פרייעניש קענען אויפהאלטען.

* * *

נאך א עפיזאד פון די חתונה איז כדאי צו פערצייכנען ; נעמליך די רבנים הגאונים שליט"א פון קאליב. סערדאהעלי באלקאן האבען געוואלט זייער אויפענטהאלט אויסנוצען צי פריוועז מתווך־השלום צו זיין און צוריק מחזיר למוטב זיין די היגע געלוינען. די רבנים האבען זיך אבער איבערציינט אין זייערע געמיינע דרכים און אין זייערע נארישע בקשות און זיי זענען אוועק געפאהרען מיט נאר־נישט. פארדאן נישט איננאנצען מיט נאר־נישט. זאנדערן, זיי האבען ערקלערט פאר די געלוינישע מנהיגים. אז ווי זאלען וויסען, אז זיי עסען טרפות און נבילות, ווייל אויף דעם געלוינישען פלייש איז חל אזא איסור, אז קיין שום רב אדער רבי קען דאס נישט אראבנעהמען.

דאס נישט ערשיינען פון אונזער צייטונג די פ. וואך האבען די חסידים אויך אויסגעטייטשט אויף פערשיעדענע אופנים. איין דיעה איז געוועזען, אז די „יודישע צייטונג" האלט די גאנצע שבעת ימי המשתה פאר א יודישען יום־טוב און גלייך ווי הותי'ס ערשיינט נישט קיין צייטונג אזוי איז עס איצט אויך. איינערליי האבען געזאגט, אז דאס איז צוליב דעם, ווייל די רעדאקטערע זענען טרודין מיט די חתונה־ארראנזשירונג און מיט די גרויסע געסט וכתנה. די אלע טעמים זענען אמת'דיגע און דערפאר האבען מיר די וואך משלים געוועזען אונזער צייטונג בכפליים.

* * *

און ליכא כתובה דלא רמי בה תיגרא, ביי די מלכות'דיגע חתונה, וועלכע האט בעוויזען א כבוד פאר'ן גאנצען ארטה. יודענטום און יעדער האט זיך געשפירט דורכגענומען מיט די שמחה אין אלע רמ"ח איברים און שס"ה גידים האט גראד א קליין עגמ"נ אויך נאך זיך, דאס איז די מעשה מיט'ן פילם.

די אזוי מפורסמ'דיגע חתונה, האט ארויסגעריהרט אלע אין און אויסלענדישע פרעסע אילוסטראציע און פאטאגראפישע פערזאנשטאלטער אויך עטליכע פילם־אונטערנעהמערס אזש פון ניו־יארק זענען אראבגעקומען, די אויפגעשפרייטע הונדערטער אפאראטען האבען געטיען דאס זייעריגע. זיי האבען צו דעם אלעם א אונבאשרענקט רעכט פון מיניסטעריום. איצט האבען עטליכע פחדנים און סתם רעליגיעזע יודען מורא, אז דער פילם און בכלל די אלע פאטאגראפישע אויפנאהמען זאָלען אפשר שעדליך זיין פאר יודישקייט.

אויב דער פחד איז בעגרינדעט, לאָזען מיר זיך איצט נישט אריין אין א קלער, ווייל וואס קענען מיר דען אבהעלפען. ווער האט דען געקענט הינדערן אזויפיל הונדערטער אפאראטען וועלכע זענען געשטאנען אויף די דעכער אויף די באלקאנען און בכלל אין די לופטען מיט אזויפיל זענען מיר אבער בערוהיגט. מחמת די חתונה און באבעזו אין דאס אכפאהרען פון בעלזער רב ז"ל פון מונקאטש וועלכעס איז דירעקט פון זייער איינענער סוויטע אבגעפילמ'ט געווארען האט אויך נישט געשאדט פאר די רעליגיעזע געפיהלען וועט דאס אינדירעקטע, אדרבה וועלכעס איז געגען רצון פון היגען רב שליט"א געשעהען א וודאי נישט שאדען אייך.

אויף אזויפיל איז עס זיכער נעאיינגעם געוועזען, אז דאס האט פעראורזאכט עגמ"נ פאר'ן רב שליט"א און דיראזיגע שמחה איז שוין ווי א יעדע יודישע שמחה נישט געוועזען בשלימות.

א שעהנער קבלת־פנים פאר'ן צאנזער צדיק'ס זאהן הגה"צ מוהר"ר שלום אליעזר שליט"א

דער רבי פון ראצפערט הה"ק מוהר"ר שלום אליעזר האלבערשטאם וועלכער איז געקומען טיילנעהמען אין דעם מונקאטשער רבי'ס שמחה, איז דא מיט א הערליכען קבלת־פנים אויפגענומען געווארען. די ארראנזשירער'ס און עמפפאנגס־קאמיטע האָבען דעם פראמינענטען גרויסען גאסט אבגעוואַרט ביי דער באהנשטאציע מיט עטליכע קוטשען'ס אויך א גרויסער עולם חסידים און בעי"ב נכבדים מיט'ן קהלה־פרעזעס בראשם זענען איהם צו דער באהנשטאציע א קעגען געגאנגען און איהם מיט יחי־קולות עמפפאנגען.

דער רב שליט"א דער בעל־השמחה האט נישט געווארט, אז דער חשוב'ער גאסט זאל איהם קודם בעזוכען, נור ער איז מיט'ן חתן שליט"א צוזאמען תיכף ביי זיין אנקונפט צוגעפאהרען צו דער אכסני' ווי ער האט שטאציאנירט און איחם מקרים שלום געוועזען.

דעם גרויסען גאסט האט דער רב שליט"א מכבד געוועזען מיט'ן בענטשען און מיט די שבע־ברכות.

נאך די שבע־ברכות האט דער חשוב'ער גאסט בעגלייט דעם רב שליט"א אין זיין וואהנונג ביי דער געלעגענהייט. האבען אויך טיילגענומען די רבנים פון קירכדארף. ד. סערדאהעלי, האלאס, דאס היגע בית־דין און דער רב. שליט"א האט פאר די חשוב'ע חבריא געשטעלט ט"ב ומט"ב וויין און די מוזיק האט צוגעשפילט נאר געהויבענע לידער, נאך וועלכען די חברה האט אויך געטאנצט.

ביי דער געהויבענער שטימונג האבען זיך פערזאמעלט הונדערטער חסידים אין הויף און האבען זיך מיט משקה און מיט ריקודים משמח געוועזען.

דער מונקאטשער רב שליט"א פראטעסטירט געגען דעם פילם־אויפנאהמע

פילם געזעלשאפט פון ניו־יארק האט בידוע אבגעכאפט די אלע סצענעס פון די גראנדיעזע חתונה. דער רב שליט"א ערפאהרענדיג פון דעם האט ער ביי די געזעלשאפט טעלעגראפיש פראטעסטירט.

מיר געבען דא איבער די העתקה פון די טעלעגראפען אין בריף.

אבשריפט

וואהלגעב. העררן דירעקטאר [דער

איך האבע אן זי הייטע דאס ביילינגענדע טעלעגראם געריכטעט, וועלכעס איך היעמיט בעשטעטיגע :

עס ליגט מיר אם הערצען, דאס דער טייל דער טרויאונג אים הויף, אויף דעם פילם גירענדס אין דער וועלט אונטער קיינען אומשטענדען פארגעפיהרט ווערדע, דא דיעזעס געגען די ארטה. יודישען טראדיציאן שטעהט.

איך האבע שלאפלאָזע נעכטע אונד מיין געזונדהייט ליידעט אויך דארונך, דאס דיעזע אויפנאהמע געשעהען איזט.

איך ערזוכע אייערע וואהלגעב.־הועפליכסט דיעזען טייל אונבעדינגט [גענצליך צו פערניכטען, דאמיט דיעזער טייל נירגענדס אין דער וועלט פארגעפיהרט ווערדע.

איך בין איהנען נאכדריקליך בעטוינען דאס די פילם־אויפנאהמע אים הויפע מיינער וואהנונג אהנע מיין וויסען, יא זוגאר געגען מיין אויסדריקליכע פערוואהרונג געשאה.

פיר איהרע פריינדשאפט דאנקע איך איהנען אין פאראוס אונד עמפפעהלע מיט הויכאכטונג.

לאזאר שפירא
בעצ. אויבעררבינער.

ווי מיר ווערען איצט געוואויר האט דער גענעראל־דירעקטאר פון דער געזעלשאפט טעלעגראפיש אבגעענטפערט, אז ער וועט דעם רב'ס בקשה נאכקומען.

די דרשה־געשענקע פאר חתן־כלה

די אלע דרשה־געשאנקע פאר חתן־כלה זענען מיר באין אופן נישט אומשטאנ־אבצושרייבען. מיר ערוועהנען בלויז די פראמינענטע וועלט־פערזענליכקייטען וועלכע האבען ווערטפאלע מתנות געשיקט ;

דער אדמו"ר פון אלעקסאנדער, דער אדמו"ר פון ראדזימסק, פון קאליש, זאַלישטין, הגה"צ ר' ישעי'לע פון קראקא, הגביר המרומם הרב ר' דוד שרייבער נשיא פון כולל גאליציען, דער שיטלויער רב בעהמח"ב ס' לחם שלמה, הגה"צ ר' העניך'ל קרעצקיא, הגה"צ ר' שמחה'לע פרענקיל זאקעווינא, פראנקפורטער רב, גאלאנטער רב, די רבנים פון צפת, מכרי' לובלינער רב שפירא, דער דזיקעווער רבי' דער לאנצהוטער רב, הרב הגאון ר' יונתן שטייף בודאפעסטער דיין, זטינראדער רב, דער רעדים'ער רב, חיים דוד, ח"ש פיוטע, דער קליינווערדיינער רב, הרב מרגליות ירושלים, הרב פראפ. דר. וויינבערג בערלין, הרב דר. פראנקפורטער בערלין און נאך צעהנדליגנער רבנים און פערזענליכקייטען וועלכע מיר זענען נישט אומשטאנד אויסצורעכענען.

גרויסע בעגריסונגס־ברכות האבען געשיקט די נשיאים פון די אונגארישע און רומענישע ארטה. צענטראלקאנצליי. די ה"ה : פראנקעל און הארטשטיין און התה"ג סמארדוי.

השבת אבידה

ביי דער סעודה פאָן די חתונת ביי כ"ק אדמו"ר שליט"א האט מאן איין איבערציהער פערטוישט דער צייכען איזט O. S.

ביטע צו מעלדען אן אדרעס :

Ortner Jozsef Legiña Michalany.

"GRAND HOTEL CSILLAG"
Mukačevo

קאלט־ און
ווארעם וואסער

צענטראל־
פערהייצונג

Kaffee mit Ia. Jazz-Band.

ברכת מז"ט

אנלעסליך די חתונה־שמחה ביי כ"ק ארמו"ר מרן הגה"ק רשכבה"ג האבדפ"ק שליט"א. ווינשען מיר א הארציגען מז"ט פאר'ן רב, פאר די רביצין, פאר חתן־כלה און בכלל פאר אלע מחותנים און קרובים.

זאל דער זווג געבענשט זיין מיט די אלע טייערע ברכות פון אונזערע אבות און זייער צוקונפט זאל זיין בענליקט און בליהענד, די היילינע עלטערן זאלען ביי זיי זעהען א דור־ישרים און האבען נחת און פרייד עכנ"צ בב"א.

פאר די רעדאקציע „יידישע צייטונג"
לייזר מעכיל קאליש הירש מיילך קאליש.

אנו החותמים מטה מאחלים בזה לכ"ק ארמו"ר מרן הגה"ק צי"ע וכו' האבדק"ק מונהאטש שליט"א ולהזוג הגון וככלל לכל המשפחה הרוממה את רגשי ברכותנו הלבביות לרגלי כלילת שמחת לכם.

משה טאנענבוים
אב"ד דק"ק מילדוי

אשר אנשיל סג"ל יונגרייז
אב"ד דק"ק פאביאנהאז והוס"ך
דק"ק פ.־ריארמאט

דוד ווייגבערגער
אב"ד דק"ק יולניצא

קלמן ווייס
אונגוואר

חיים יהושע פישערינד
אונגוואר

אפרים פישל פעלדמאן
אינגוואר

צבי אלימלך הוממעל, ישראל בערגידא
וו. בערעזנא

שמואל זאנוויל יאקאבאוויטש
פיאטע

זאב רייכמאן
קאשוי

שמואל בלום, קאשוי
שליח ונאמן של ההה"צ אבדק"ק ערלוי שליט"א

חסידי מונקאטש דקלויז
קאשוי

שלמה ברוך פריעדמאן
פערשוב

לייב לייבלער
פרעשוב

שמעון מיללער ובנו יעקב
פרעשוב

צבי הירש ארטנער
פרעשוב

מרדכי קארנפעלד
פרעשוב

מזלא טבא וגדיא יאה כפלים לתיזוק

חדו סגי ייתי לביתכם נאוה קודש ליום כלילת בתכם שיבסר לחודש והזוג אשר חברה היוצר מתחלה יעלה יפה יפה בכל מילי דמטבה ונחת ינחית מהם איש אשר כמוהו עד מאה ועשרים שנה לכם גיל יתנו.

יצחק בן רישא ארנשטיין, פרעשוב

בשם החברה אוהבי תורה דבחורי ספרדים בק"ק פרעשוב הגבאים:
ה"ב מאיר יודא קענעל, ה"ב מטת צבי מיללער,
ה"ב יצחק אייזיק וואלף, ה"ב יהושע וואקס
וה"ב ישראל יעקב קרויז.

ונם באו עבדי המלך (מ"ם רבנן) לברך את ארונינו מורינו ורבינו הרב הגאון הקדוש והטהור צי"ע האב"ד דפה שליט"א באהבה עזה וחיבה יתירה בברכת **מזל טוב** לרגלי חגיגת נשואת בתו היחידה תחי', ומעומק לבנו ומקרב נפשינו נאוה ונברך לאסור, נם **ברוך** יהי' החתן עם הכלה שלו ביום חתונתם וביום שמחת לבם ויתא רעוא מן שמיא שזווגם יעלה יפה. ותוריחם הטובים שליט"א יזכו לראות בשמחת בניהם ובני בניהם, דור ישרים ומאושרים לתורה ולעבודה בעבודת בית מקדשינו בב"א אמן.

מונקאטש בשנת **ויצא שאול** לקראתו **לברכו** לפ"ק

בשם ראשי וטובי העיר מנהלי קהל עדת ישורון תארטה. דפה יצ"ו
שאול יחזקאל פערלשטיין, פראוועס.

מעומק לבנו נביע בזה את ברכתנו הלבבית ברכת מז"ט לכבוד האדמו"ר הנה"צ האבדק"ק מונקאטש שליט"א לרגלי נשואת בתו היקרה כשטו"ס.

אקרו"ש קהל עדת ישורון
אויט. ארטה. באוזהאראר.

וזאת הברכה! אמירה נעימה, ברכת מז"ט חמה ונלבבת, נביע אומר, לכ"ק אדמו"ר, הקדוש והטהור, כו' כו' האבדק"ק מונקאטש שליט"א לעת נשואת בתו היחידה כשטו"ס.

יקבל נא את ברכותנו הטהורות, האמורות בשם קהלתנו הציבוריות, בשם אקרו"ש קהל עדת ישורון

ה"ק אברהם חיים מאשקאוויטש
פרעזעס דק"ק בערעזנא גדול.

תבענה שפתנו ברכת מז"ט חמה ונלבבה לעת חגיגת שמחת נשואין בחצר האדמו"ר הנה"ק האבד"ק מונקאטש והנלילות שליט"א.
קבלו נא את ברכותנו האמורה מעומק לבנו
אקרו"ט קהל עדת ישורין אויט. ארטה. סאטמאר.

לעת חגיגת שמחת־נשואין בבית הרב הגאון הקדוש האבד"ק מונקאטש שליט"א אושיט בזה ברכת מז"ט חמה ונלבבת בשם אקרו"ט דקהל עדתנו.

דוד ארי' אייזיקאוויטש
ראש־הקהל דק"ק חוסט.

הננו מן המברכים בברכת מז"ט לכ"ק ארמו"ר הנה"ק האבדק"ק מונקאטש שליט"א לרגלי נשואת בתו תחי'.

בשם האקרו"ט דקהל באדריוב:
אברהם קלאפפער ראה"ק.

הנני מושיט בזה ברכת מז"ט לכבוד קדושת ארמו"ר מרן הנה"צ האבדק"ק מונקאטש יע"א לרגלי כלילת ונשואת בתו תחי'.

בשם האקרו"ט דק"ק סוואליווע:
מנחם יוסף שפינעל פרעזעס.

גם אנו משתתפים אי"ע לברך בברכת מז"ט את כבוד הרב הנה"ק הארמו"ר ממונקאטש שליט"א לעת שמחת לבו בנשואת בתו היחידה תחי'.

אקרו"ט דקהל סערערנא.

בשם קהלתנו אביע אומר ברכת מז"ט לכבוד הארמו"ר הנה"ק האבד"ק מונקאטש שליט"א לרגלי חגיגת שמחתו בנשואת בתו היחידה תחי' עב"ג ה"ב החריב טובא כנשיק מוה"ר ברוך יהושע ירחמיאל ראבינאוויטש שליט"א.

בשם כל הקהלה קערעצקיא
עקיבא ווייס

קהלתנו משתתפת ג"כ לברך בברכת מז"ט את האדמו"ר הקדוש האבדק"ק מונקאטש שליט"א לרגלי שמחת־נשואין של בתו היחידה תחי'.

בשם קהל אויט. ארטה. פה אירשאווא:
שמואל יואל בערנער, נבאי.

גם אנו מן המברכים את כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א לרגלי שמחתו.

בשם קהל עדת ישורין קיוויאושר:
דוב הערשקאוויטש נבאי.

בשם הנהלת קהלתינו דפק"ק ובשם חסידי מונקאטש אני מושיטים בזה ברכת מז"ט חמה ונלבבת לכ"ק ארמו"ר מרן שליט"א האבדק"ק מונקאטש לרגלי נשואת בתו שתחי'.

יצחק אטלאם
רה"ק דק"ק ראסלאוויץ.

חברה ספרדים
דק"ק פרעשוב

גדלי' גליק
חוסט

אברהם קאלליש
חוסט

ישראל יעקב זאלדאן
חוסט

יואל צבי ווייגארטען בי תנה
חוסט

שלום שווארץ ובנו יעקב
בערעגסאס

מנחם צוקער וגיסו לייביש קארן
בערעגסאס

הגבאים דבית המדרש החדש בשם כל המתפללים בערעגסאס

חברה בחורים „דרכי תשובה"
בערעגסאס

משה סג"ל יערעמיאש
האלמין

יצחק פוכס
סעליש

אברהם ריכטער
סעליש

ישראל חיים עללענבויגען
סאטמאר

יעקב אקערמאן
דאלהא

שלמה הימליך
שימלוי

משה פערלשטיין
בשם חסידי מונקאטש
דק"ק בודאפעסט

ישראל יודא יאקובאוויטש
מיהאלאווין

יואל צבי קרויס
מיהאלאווין

אייזיק רופא
חזן דק"ק ווערבוי

משה בן חי' אנטאל
שמריטאווא

אברהם האבערמאן
שו"ב בק"ק נאצינאוועש

חיים אלעזר קרויס
שו"ב בק"ק פאברעשעוויץ

ברכת מז"ט

בשם הנהלת הישיבה רבתי "דרכי תשובה" דפה"ק הננו בזה בברכת מזלא טבא ונדא יאה לכ"ק מאור עינינו אדמו"ר רשכבה"ג הגה"ק האב"ד ור"מ מתיבתא שליט"א ולכבוד החתן תורת חתנא דבי נשיאה הרב המאה"ג למשלת התורה והיראה טהורת פאר מקודשים החתן מו"ה **ברוך יהושע ירחמיאל** הי"ו ליום חתונתו ושמחת לבו למזכה ולברכה מסולא עילאה ברוב הצלחה עד מאה ועשרים שנה אכי"ר.

דברי הכותב כאח"ר בשם אלפים מתלמידי רבי רב מרן האדמו"ר שליט"א

נטע שלמה שליססעל

משגח ר"ים מתיבתא

הנהלת "חברה מזונות" דישיבה רבתי דרכי תשובה מביעת בזה ברכת מז"ט הסת ונלבבה לכבוד החתן המלך הרב הה"ג אוצר כל כלי חמדה וכו' כש"ת מו"ה **ברוך יהושע ירחמיאל** שליט"א לעת מצא זה אשה משכלת בת כ"ק אדמו"ר הגאה"ק שהית קדוש ונורא האב"ד ור"ם דפה"ק שליט"א ויהא רעוא מן קדם מרן דבשמיא שהקשר הזה קשר עליון דאורייתא יעלה מעלה יפה לעילא מן כל ברכתא כחפץ נפשו הקדושה והטהורה, וכנפש אוהביו החותמים בברכה בלונ"ח

ארי' לייביש מייזקאפף, דוד אסטרייכער

גבאים דחברת מזונות.

חברת ש"ס דק"ק ערלוי ותגליל מאווים מעסקי לבבם מזלא טבא ונדיא יאי לנשואת בתו של מרנא ורבנא אור ישראל וקדושו רבן של כל בני הגולה מרן חיים אלעזר שפירא שליט"א אב"ד ור"ם מונקאטש יצ"ו היא הבתולה הכלה המהוללה מ' חיי פרימא רבקה תי' לאויט"ט עב"ג המכתיר החתן החריף ובקי בנש"ק מו"ה ברוך יהושע ירחמיאל שליט"א ויהא רעוא שזיווגם יעלה יפה יפה וזכות אבותם הגאונים והקדושים זי"ע יעמוד להם שיבנו בית נאמן לד' ולתורתו כבית רחל ולאה ויהיו לשמחת אבותם ולהפארת והוד בית ישראל עד ביאת גואל בב"א.

דברים אלו נובעים מלב כל איש ואיש מהחברת ש"ס דפה ותגליל.

ח"ק שלום פאלראק

ראש החברה

ח"ק אהרן דייטש

גבאי דחברה

בשם הכולל מונקאטש ועשרת גלילות באה"ק תוב"ב אנו מגישים בזה ברגשי כבוד ואהבה, ברכת מזלא טבא, לכ"ק נשיא אלקים בתוכינו, עטרת תפארת כוללנו, מרנא ורבנא האב"ד ור"ם דק"ק מונקאטש והגלילות שליט"א לשמחת לבו המתור באפריון בתו החשובה והמהוללה תחי' לאויט"ט עב"ג החתן יקיר הה"נ בנש"ק מלא השבחות והלולות, ברום המעלות, כש"ת מו"ה ברוך יהושע ירחמיאל שליט"א, יחיו ויפרחו כגפן אדרת, לשם ולתפארת. מה נאה אילן זה אדמו"ר שליט"א יהיו כמוהו נטיעותיו. לראות מהם דור ישרים יבורך כב"כ לשלהניתיו. ושמחת עולם על ראשו, עד ביאת ינון נזר ישראל וקדושו. וקול ששון ושמחה לא ימוש מאהלו. ומכל המסתופפים בצלו.

שלום הכהן שווארטץ

נשיא משנה דהכולל

נתן כ"ץ פייערשטיין

נשיא משנה דהכולל

משה גאלדשטיין

מזכיר הכולל

ברוך הוא ויהי מבורך באוות נפשו הטוב יושי"ע עם ישראל בזכות קדושת אבותיו זצלה"ה ירחמיאל בסתרת דידן לראות באור משיח צדקנו מזלא טבא ונדיא נאה מביעים אנו מעומקי לבבנו לכבוד כ"ק אדמו"ר הגה"ק רשכבה"ג שליט"א עם חתנו הרב הגאון צמים לתוללו אין גומרין וכו' כמוהר"ר ברוך יושע ירחמיאל שליט"א

בשם חברה קנין וחיקון ספרים ובהמ"ד רדיז"ל דפה ק"ק מונקאטש.

נשיא החבורה.

יצחק יעקב לייפער

גבאים דחבורה:

שלום יוסף גראס[illegible]

אהרן הכהן מאשקאוויטש

גם אנו מן המברכים בברכת מז"ט לכ"ק אדמו"ר מרן הגה"ק ולחתנו הרב המאוה"ג נכו' עב"ג תחי'. בשם החברה קנין ספרים בבהמ"ד ישועות ישראל פה מונקאטש

ח"ק משה פערלשטיין.

בשם מרכז לשכת הארטה. בקארפ. רוס
נתן פייערשטיין
פרעזעס

אלימלך דויבמאן
רה"ק דק"ק מונקאטש

שלמה מייכמאן
מונקאטש

חיים יחזקאל שליסעל
מונקאטש

צבי בורגער
מונקאטש

פירמא קאנטנער & פעלד
מונקאטש

שלמה האנדעלסמאן
מונקאטש

בן ציון יאקיבער
מונקאטש

יצחק בראנדארפער
ב"ש ושו"ב בק"ק סאבאטקא
חתן ר' חיים יוסף חזן ממונקאטש
מז"ט מוהר להרבנית הצדיקת ולהכלה
תחי' מאת זוגתי פעריל תחי'

יעקב וויינבערגער
יולניצא

מנחם שערנפעלד
שו"ב וש"ץ דק"ק טיסאוויץ

שמואל שאלאמאן
הווידקוף

בן ציון אפרים פישל עסטרייכער
וו. בירגערמייסטער אין
טשינדיעף

שמואל בנימין לעבאוויטש
קליין בערעזנא

Die „DONAU" Allgemeine Versicherungs-Gesellschaft, mit welche die Öffentliche Rabbinatsschule in Mukačevo in vertraglichen Verbindung steht, gratuliert herzlichst den sehr geehrten Direktor der Rabbinatsschule **Sr. Ehrw. Herrn Oberrabiner Lasar Spira** und seiner hochgeschätzten Familie zu den freundlichen Familienfest anlässlich Verheiratung Ihrer Tochter.

די פערהייליגטע טראדיציע.

דער יום טוב פסח! שטאלץ פיהלט זיך יעדער יוד אין די טעג, ניי און שטארק פערבונדען מיט דער גרויסקייט פון יציאת מצרים. שטאלץ איז אויך די הויזפרוי מיט אידרע שפייזען צום סדר, ווייל זיי זענען צובערייטעט מיט צערעס אונד דארום כשר אונד שמאקהאפט. מיט פרייד שטעלט זיא די שפייזען צום טיש, ווייל זיא ווייסט, דאס דיא זענען בערייטעט ווארדען מיט צערעס וועלכעס איזט זעהר נאהרהאפטיג, לייכט צום פערדויען אונד שטרענג כשר לחג הפסח.



צערעס

איזט א [illegible] ריינעס פפלאנצען־פעטט.

נאכקלאנגען פון די חתונה

די גראנדיעזע מונקאטשער רביישע חתונה וועט בלייבען א אייביג זכרון פאר די אלע וועלכע האבען מיט זייערע אויגען צוגעזעהען די קעניגליכע עמפפאנגען און דאס געוואלדיגע יראת־הכבוד פון די טויזענדער מענשען לגבי דעם יודישען רבן של כל בני הגולה.

די פאליציייליכע מעלדונג, לויטעט, אז ביי די חופה־צערעמאניע האבען 13 טויזענד פערזאן טיילגענומען. אז די פאליציייליכע ידיעה איז כמעט איבעראיינשטימענד מיט די פערשיעדענע זשורנאליסטישע בעהויפטונגען, וועלכע האבען אבגעשאצט די מענגע פון 12 ביז 15 טויזענד פערזאן.

עס איז דאהער כדאי צו זעהן ווי די "שטענדריקעס" די מכלומרשטע שונאים האבען נעביך פאר גרויסע יסורים באקומען א בלבול־הדעת און שרייבען אין זייער "בלעטעל" מיטשיינס געזאגט אז בלויז 400 פערזאן האבען זיך ביי דער חתונה בעטייליגט.

נעביך א רחמנות אויף דעם קורצזיכטיגען רעדאקטור'ל, וועלכער האט ניכט געקענט צוקוקען ניטעמאהל אין שכנות פון רבי'ס גאס און ער האט אליין מיט זיינע אויגען געצעהלט אויף 400 פערשון.

⁂

די אנדערע נישט־פריינדליכע יודישע בלעטלעך, די "נאכריכטען" און די "פרעסע" האבען שוין קלוגער געטהון, זיי האבען געמאכט א שווייג און נישט געוואוסט גאר־נישט. ס'האט אבער נישט אויסגעהעלפט. 120 בלעטער אין 15 שפראכען האבען אין איבער 600 ארטיקלען גענוג און גענוג געשריבען, ס'האט מעהר באמת נישט אויסגעפעהלט.

⁂

די נוכטערנע שאצער'ס און די פאליציי אויך, האבען געשעצט די מחנה פון די בעטייליגטע ביי די חופה אויף לערך 13 טויזענד פערשון. וואלט אזא בעטייליגונג געוועזען אין בעלז, וואלט דער דארטיגער בעריכט געלויטעט א בעטייליגונג פון האטש, א פערטיל מיליאן מענשען.

⁂

וואס פאר א עולם ביי די חופה־אקט איז געוועזען בעוויזט אבסאלוט'מסען דער פאקט, אז דער ריבעטישיווער רבי אונטערגער רב וועלכע ס'האט מכבד געוועזען מיט א ברכה ביי די סידור־קידושין האבען נישט געקענט צוקומען צו די חופה. צוליב דעם גרויסען עולם איז זיי איין שעה־פלאץ אויסגעקומען לויט איין דעה אויף די גאס און לויט איין דעה ערגיץ ביים שטאדט־הויז, און ס'האט נאך א גרויס געשריי און א לאנג געווארטען זיי נישט געקענט צוברענגען צו דער חופה און ס'האט געמוזט מיט דעם כיבוד א אנדערען מכבד זיין.

⁂

די גרויסע סעודה פאר אורימע־לייט וועלכע איז א טאג פאר די חתונה פארגעקומען האט געהאט א געוואלדיגע בעדייטונג. טויזענד אורימע־לייט האבען געגעסען און געטרינקען כיד־המלך. וועלכעס האט זיכער געלייכט אין די עולמות־עליונות, די סעודה האט אבער געהאט נאך א בעדייטונג. ס'האט געזעהען מיט וואס פאר א שטאב־אורימע־לייט די שטאדט איז בעלאסטעט און אז מונקאטשער יודען זענען באמת צדיקים אז זיי קענען אויף זיך האלטען אזא שטענדיגען עול.

דער צושויער צו די אורימעלייט־סעודה האט באמת געטוט חלמד־זכות זיין אויף די מונקאטשער בע"ב.

א אינטערוויעוו מיט הרב הגאון פראפ.* דר. וויינבערג ר"מ פון ארטה, ראבינער־סעמינאריום אין בערלין

איבער זיינע איינדריקע ביי דער מונקאטשער חתונה און איבער די יודישע לאגע אין דייטשלאנד

דער רעקטאר פון בערלינער ארטה. ראבינער־סעמינאר, דער בעקאנטער ליטווישער גדול הרב דר. וויינבערג, וועלכער איז א פערזענליכער ידיד און פערעהרער פון מונקאטשער רבי'ן שליט"א איז אויף די חתונה איינגענס געקומען. מיר האבען דעם פראמינענטען גרויסען גאסט בעזוכט אין זיין וואהנונג ביי ה. שענבערג און פון איהם פערלאנגט א אינטערוויעוו פאר אונזער צייטונג.

הרב דר. וויינבערגער האט אונז זעהר ווארים עמפפאנגען אין אונז מיטגעטיילט, אז ער שטייט אונז גערן צו פערפיגונג, מחמת ער האלט די "יודישע צייטונג" פאר א אמתיע פעסטונג געגען די פערשיעדענע אנטי־רעליגיעזע שטרעמונגען. ער אליין, אזוי זאגט אונז דר. וויינבערג לעזט יעדע וואך מיט גרויס אינטערעס די יודישע צייטונג.

אויף אונזער ערשטע פראגע וואס פאר א איינדרוק עס האט אויף איהם געמאכט דער גראנדיעזער פערלויף פון די גרויסע חתונה, האט אונז דר. וויינבערג פאלגענדעס געענטפערט:

דאס ביייוואהנען די מונקאטשער חתונה, האט אויף מיר א גרויסען און טיעפען איינדרוק געמאכט. ממש רירענד. איך האב מיט מיינע אויגען צוגעקוקט ווי טויזענדער יודען (וכלי ע"ה) פון מונקאטש און פון די ווייטע וועלט האבען זיך מעומקא דליבא משמח געוועזען מיט די שמחה פון מונקאטשער רבי'ן. יעדער האט זיך בתאמ'ן געוועזען צו פערשענערן, צו פערגרעסערן, צו פערשטארקען און אימפאזאנטער צו מאכען די שמחה, די שמחה אין מאקע [illegible] ווייל גנר [illegible] רסטליך הויז ווערט אזא אימפאזאנטע שמחה געפייערט.

יודען האבען אפילו קיין פירסטען, דערפאר האבען זיי גרעסע, רבנים און רביים וואס [illegible] ביים [illegible] סעהר רעספעקט און סעהר ליבע ווי פירסטען, ווייל זיי זענען מיט'ן פאלק סעהר פערבונדען ווי יענע, זיי טראגען אויף זייער ריקען די דאגות די לאסטען און דאס פעקיל צרות פון גאנצען כלל־ישראל און פון יעדען יודישען יחיד. דער יוד ווייסט, אז דער רב, דער צדיק הדור פיהלט מיט איהם מיט און כאטש ער קען נישט יעדען געבען ברויט, גיט אבער פאר יעדען זיין ברכה זיין תפילה וואס גייט מעומקא דלבא. ער איז פאר יעדען א טרייער פאטער ער העלפט איהם מיט זיין קלוגער עצה מיט זיין דעת־תורה. דערפאר איז מען איהם אויך דאנקבאר.

די טויזענדער יודען האבען מיט זייערע הארציגע חנינות ערווירקט, אז דער גרויסער מונקאטשער רב, וועלכער איז שטענדיג ש"ווי בצער אויף דעם אריכת־הגלות, אויף די פערשיעדענע יודישע רדיפות'ער וואס די יודען ליידען זיך אין אין די פערשיעדענע מדינות, זאל כאטש ביי זיין משפחה־שמחה בעקומען א פרייליך הארץ.

און עס איז מאקע באמת אזוי געוועזען. דער גרויסער מונקאטשער רבי, דער היטער פון אלע יודישע אוצרות, וואס זיין מוח היט אלע יודישע גייסטיגע שאצען, וואס זיין הארץ איז אונאונטערבראכען אריינגענומען מיט'ן צער פון די אומה הדווית והסחופה האט זיך משמח געוועזען מיט די שמחה של מצוה.

ליידער האבען אבער נישט אלע יודען די גינסטיגע פערשטענדנים פאר דאס, וואס זיי זענען שולדיג פאר דעם גרויסען רב און רבי.

איינס זאל זיך די יודישע וועלט און ספּעציעל די מונקאטשער יודען מערקען: דער מונקאטשער רבי, האט ווי יעדער גרויסער רבי וואס פערטאנט אן אויסגעפרעגטע אינדיווידואליטעט, אויך פיעל געגנער. אזוי האט דער בעש"ט. דער יהודי הקדוש, דער רבי ר' בונם פון פרשיסחא, דער קאצקער רבי און מאקע דער היילינער צאנזער רבי. פיעל גרויסע געגנער געהאט.

דער מונקאטשער רבי האט נישט און מאר נישט האבען קיין געגנער, ווייל אויך זיינע געגנער מארען נישט פערגעסען אז ער איז דער אמת'ער גדול הדור און אז זיין גרעסטער מופת איז זיינע פיעלע גרויסע ווערטפאלע ספרים, וואס מ'פערשטייט נאר נישט ווען ער שרייבט זיי נאך אזויפיל טרדות און פערגריפענהייטען.

עס איז באמת א חרפה פאר די געגנער וועלכע האבען צוליב פארטיי־שנאה פערשפּייט פערשיעדענע שקרים איבער די חתונה. זיי האבען פאר דעם גרויסען צדיק געוואלט פערשטערען זיין איינציגע שמחה אין לעבען, די שמחה פון זיין בת־יחידה'ס חתונה. איך וויל נישט אלס פרעמדער זיי מוסר־זאגען. איך בין בטוח, אז זיי וועלען זיך אליין שעהמען אין זייער פנים פערדעקען פאר חרפה.

עס איז שקר און נאריש וואס זיי האבען געשריבען אז די אנגעקומענע טויזענדער געסט זענען בלויז נייגעריגע מענשען וועלכע גליסט צו זעהען עקזאטישע געשטאלטען פון רבנים, שטריימלעך גרויסע בערד און פיאות און ראמאנטישע בילדער פון מיטעלאלטער...

ניין! איך האב געזעהען פיעל טויזענדער אנגעקומענע יודען, וואס זענען געקומען זיך משתתף צו זיין אין דער שמחה של מצוה פון דעם גרויסען רבי'ן, עכטע טויזענד יודען זענען ווידער געקומען געניסען א עכטע לעבעדיגע יודישקייט אין זיין ריינגעשטאלט, אין זיין בעסטער קוואליטעט, און אין נאטירליכקייט, אין זיין אורשפרונגליכקייט אין זיין עלעמענטארסטער קראפט. ווי קען מען אזויגס בעסער זעהן און געניסען אלס ביים מונקאטשער רבי'ן, ביים גרויסען שר־התורה וואס טראגט אויף זיין האלז די גאלדענע קייט פון זיינע גרויסע זכות אבות. שלשלת־היוחסין פון אזויפיל דורות גאונים און קדושי עליונים וואו קען א יודישע חתונה אין איהרע טראדיציאנעלע שענהייט און ריינהייט בעסער געפייערט ווערען אלס ביים גרויסען שומר פון מסורת אבות, ביים אונערשראקענעם סאלדאט און היטער פון די יודישע אוצרות פון יודישען־מהות און יודישען קלסתר־פנים.

דאס וואס דער מונקאטשער רבי האט בא זיין חגיגה דערקוויקט טויזענד ארימע־לייט, די פערשטאבטע די הונגעריגע, די פערחושכ'טע און האט זיי אונגעזעטיגט מיט א מלכות'דיג מיטאג. איז דאס דען אזא גרויסע עולה? ציוואס האטען דערמאלט אין די וועלט־פרעסע פאר אלע שונאי־ישראל מגזם געוועזען פון אנדערהערטע לוקסוס און פערשווענדערישע הוצאות?

עס איז אמת, אז די מונקאטשער חתונה איז געפייערט געווארען מיט דעם גרעסטען קעניגליכען כבוד. עס איז אבער שקר, אז מ'האט געמאכט לוקסוס־הוצאות. איך האב געזעהען אז דער רבי אליינס האט זיך נישט אמאהל איין נייע קאפאטע געמאכט!

די פאליציי און די בעהערדען מיט זייער בעטייליגונג האבען עס אויך געטון בלויז אויס סימפאטיע און אויס רעספעקט פארן גרויסען ראבינער וועלכער פערטרעהרט דעם ריהם פון זיינער ליבעראלער מדינה. נור די יודישע לינקע. נור די עטליכע טינקעלע פערשוינען האבען זיך עס געוואגט אין די פערבארגענהייט מזלזל צו זיין אין כבוד פון גרויסען רבי'ן. זיי וועלען אבער חרטה האבען און זיך שעהמען.

וואס איז אייער בעמערקונג צו דעם היינטיגען יודישען מצב אין דייטשלאנד, זייט היטלער איז געקומען צו דער מאכט?

די יודישע לאגע אין דייטשלאנד ווערט אין אויסלאנד פיעל שווארצער בעשריבען אלס זי איז אין דייטשלאנד אין דער ווירקליכקייט.

די יודען אין אויסלאנד בפרט די מזרח־יודען האבען שוין געקאסט אלערליי רדיפות. זיי זענען אין דער הינזיכט שטארק עמפפינדליך, בפרט ווען זיי געפינען פּלוצליך "גוטע־פריינד" וואס ווילען אויסניצען יעדע יודישע טראגעדיע צו זייערע פאליטישע צוועקען. אזוי שרייבען צום ביישפּיל די פוילישע אנטיסעמיטישע צייטונגען לאנגע ארטיקלען מיט דער איבערשריפט; "מאסענפלוכט דער יודען אויס דייטשלאנד נאך פוילען" און ווארנען די פוילישע רעגירונג פאר די גרויסע געפאהר וואס די פוילישע מדינה דראהט פון דעם נייעם שטראהם פון דער דייטשער עמיגראציע נאך פוילען. די פוילישע אנטיסעמיטען קענען בערוהיגט זיין, אז די יודען וועלכע וואהנען אין דייטשלאנד דענקען נישט אויסצוואנדערן פון דייטשלאנד און נאך ווייניגער דענקען זיי נאך פוילען אויסצוואנדערן.

ס'איז אמת אז א טאג פאר די וואהלען זענען מעהרערע יודישע ווארענהייזער געשלאסען געוועזען און מ'האט ניכט צוגעלאסען קיינעם זייערע איינקויפע דארט צו מאכען, בעלעסטיגט יודען האט מען אבער נישט. פאגראמען האט מען אויך נישט געמאכט. די שפערע האט אויך נור 1 טאג געדויערט. אויף דעם נעכסטען טאג האבען זיך די נאציס בערוהיגט אויף א ווינק פון זייער פיהרער, האבען זיי פערשטאנען, אז מיט דעם סעקירען אונשולדיגע יודען קענען זיי נור בלאמירען זייער נאציאנאלען־זין און עס שיינט, אז ביי די מאסגעבענדע פיהרער פון דער נאצ. סאצ. [illegible] דער געדאנק דורך, אז ס'איז גארנישט נעטיג און גארנישט נוצליך פאר די נאצ. סאצ. באוועגונג אין דייטשלאנד צו פערביטערן און רודף צו זיין דאס לעבען פון די יודישע בירגער אין דייטשלאנד וועלכע זענען שטענדיג געוועזען לאיאל צו דער דייטשער מדינה.

אויך היטלער ווירד זיך אלמעהליך לערנען פון זיין גרויסען פארבילד מאסאריק, וואס ער האט פערשטאנען נישט צוצולאזען א פערקוויקונג פון אנטיסעמיטיזם אין פאשיזם.

ווען די נאצ. סאצ. וואלטען זיך פריי געמאכט פון יעדען מין אנטיסעמיטיזם וואלטען זיי נעהנט אויף זייער זייט די סימפאטיע נישט נור פון די דייטשע יודען, נור אויך פון די יודען אין דער גאנצער וועלט.

די יודען אין פערשידענע לענדער האבען געוויזען וועלכע גרויסע פאטריאטען יודען זענען פעהיג צו זיין ווען די מלוכה פערשטעהט זיי ריכטיג צו בעהאנדלען. אויך די פלענער וואס די "נאציס" מאכען צו פערביטען די יודישע שחיטה, איז פאליטיש נישט קלוג, ווייל אין דער וועלט וועט זיי קיין מענש נישט גלויבען, אז זיי טוען דאס וועגען רחמנות פון צער בעלי־חיים, זאנדערן מ'וועט זיי חושד זיין, אז זיי טהוען דאס וועגען שנאת־ישראל.

יעדענפאלס איז נישט צו בעפירכטען, אז ס'וועט די יודען אין דייטשלאנד ענטרעכטען, אדער זיי בערויבען, פון זייערע פרנסות. די דייטשען זענען א ארדנונג־ליבענדעס־פאלק, און נאך פרידריך דער גרויסער. האט מ'ס שטאלץ אויסגערופען; דייטשלאנד איז א "רעכט־שטאאט".

די יודען אין דייטשלאנד. ברויכען איצט רוהיג אבצוווארטען, ביז דער איצטיגער רעזשים וועט זיך בעפעסטיגען, ביז עס וועט אריבער דער זיגעס־רויש פון די וואהל־מלחמות און וואהל־נצחון, ווייל ביי יעדע רעזשים־ענדערונג זענען די ערשטע וואכען נישט איינגאנצען קאנסאלידירט די פאליטישע פערהעלטניסע, אבער אין עטליכע וואכען וועט די דייטשע בעפעלקערונג קומען צו דער בערוהיגונג און וועט עס גוט פערשטעהען וואס פאר א גרויסען נוצען די מדינה האט פון איהרע יודישע בירגער.

* *

ביז אהער איז די אויסערונג פון דעם פראמינענטען גאסט, וועלכער איז געצעהלט צווישען די יודישע וועלטס־קאפאציטעטען. די בערוהיגענדע ערקלערונגען פון דר. וויינבערג, וועט אהן א שום ספק ארויסרופען גרויס שמחה ביי אונזערע יודישע ברידער אין דער וועלט, וועלכע זענען ביז איצט אזוי אונגעדולדיג געוועזען איבער דעם ריכטיגען יודישען מצב אין דייטשלאנד.

יעדער זאל אויסנוצען די געלעגענהייט!

די אלטבעקאנטע, פערלעסליכע פירמא "פעלצהויז שליסעל" וועלכע קען מיט שטאלץ אויף איהר 10 יעהריגען געשעפטס־בעשטאנד צוריקבליקען, וועלכע האט שטענדיג איהרע קונדען רעעל און סאליד בעדינט, האט בעשלאסען געלעגענטליך איהר 10 יעהריגען יובעליום אין איהר צענטראל־געשעפט אין מונקאטש און אויך אין די פיליאלען **איין יובעליום־מאנאט צו פעראנשטאלטען און אין משך פון דעם מאנאט די פרייזען טיעף צו ערנידריגען.**

גראד איצט איז דער שעף פון די פירמא פון זיין לייפּציגער און פאריזער איינקויפס רייזע צוריקגעקומען און האט מיטגעברענגט **העררליך שעהנע פעלצווארען צו שטוינענד ביליגע פרייזען.**

די פירמא האט אויך ערשטקלאסיגע קירשנער־קינסטלער פון פאריז און פון ווין הערבייגעברענגט.

ווילט איהר עכט גוטע און פערלעסליכע סחורה און דאביי אייערסט ביליג דאן בעזוכען זי נור די פירמא:

Pelzhaus Schlüssel
Mukačovo – Leipzig, Brühl 61
Filialen:
Užhorod, Rašinova 10.
Michalovce, Hlavna ul. 40.
Chust, Hlavna ul.

ביליג
שעהן
גוט־
און ראש
קענט איהר אייך אייערע שבת מלבושים און **בעקישעס** אנפערטיגען ביי דעם נייעם בעקישע שניידער.
לייביש הירש ווייס, מונקאטש
לאטארצא ג. 1 (וויזאווי דער מקוה)

פסח מעהל

געמאהלען אויף א וואסער מיהל תחת השגחת אדמו"ר הגה"צ אבד"ק מונקאטש שליט"א צו בעקאמען אין יעדען קוואנטום צו ביליגער מאגעס פרייז ביי די פירמא:
Kantner & Feld, Mukačevo
Mihalygasse

דאס של פסח
"מארגיט" מינעראלוואסער
איז צו בעקומען ביי די
„Margit" Quelle-Verwaltung
SVALAVA

---

*הי"ה הרה"ג בעמח"ס שו"ת שרידי אש

הרב ד״ר י׳ י׳ ווינבערג*

ר״מ בביהמ״ד לרבנים בברלין

אונזער פראגראם

(געווידמעט דער מונקאטשער התוגה)

וואס האט איהר — אזוי פריינען אלע פארטיי־לייט — דער אידישער וועלט צו זאגען, וואס פאדערט איהר פון אידישען פאָלק, וואס איינענטליך איז אייער פראָגראם, וואס פאר חידושים ענהאלט עס?

נייעס — איז מיין ענטפער אים גאנצען פון אלע נישט־פארטעיישע אידען — האבען מיר איבערהויפט נישט. פאר אונז זיינען אלע אייערע נייעס, אלטע, באקאנטע זאכען. מיר האבען זיי געהערט פון אונזערע זיידעס און באָבעס. מיר זיינען מיט זיי געבאָרען און מיט זיי זיך אויפגעהאָדעוועט. וואָס ווילען מיר? מיט אייגמאָל קען מען ניכט אלעס ארויסזאָגן: מיר זאָגן: — מיר ווילן ארבעטען פאר דער ערהאלטונג און שטארקונג פון אידישען פאָלק, פאר דער אויפפרישונג און באלעבונג פון אידישען גייסט, פאר דעם אויפבוי און אויסבלי פון אידישען לאנד. פשוט, גערעט: מיר ווילען צוריק ווערן וואָס מיר זיינען געווען אמאָל, ווין אזוי ווי אונזערע טאטעס, זיידעס און עלטערזיידעס זיינען געווען.

וואס זיינען זיי געווען? ציוניסטען? מורחיסטען? אגודיסטען? בונדיסטען? טעריטאָריאַליסטען? מאקסימאליסטען? ניין! זיי זיינען געווען פשוטע אידען און ניט וועלנדיק זיין „עפים מעהר" זיינען זיי שוין ממילא געווען גוטע אידן.. ווייל זיי זיינען געווען פשוטע אידען און ניכט מער, זיינען זיי דעריבער געווען שטארקע אידן, זיינען זיי געווען גרויסע אידן.

דערפאר טאַקי וואס זיי זיינען געווען פשוטע, נאטירליכע אידען, האָבן זיי פארמאָגט אין א גאנץ גרויסער מאָס די אלע שיינע גוטע מעלות, וואס מאַנכע פון די פארטייידענע „איסטן" (אויך נאָר די בעסטע פון זיי) האָבן בלויז צו ביסלעך און אין א קליינער מאָס.

ווי האָבן אָט די פשוטע אידן פון פארצייטען דור ליב געהאט זייער פאָלק! א קלייניגקייט די אהבת־ישראל פון אמאָליגע אידען! דער מאָדערנער אידעאַליסט, העלד און קעמפער האָט נאָר ניכט קיין ציור פון דעם פייערדינן אהבת־ישראל, וואָס האָט געברענט אין דער שוואכער ברוסט פון אלטן, איינגעהויקערטן אידן.

נאָר די גרויסע שפריכווערטליך־געוואָרענע יידישע צדקה, גמילת־חסדים און הכנסת־אורחים האָט פארבאָנט א ביסל צו שטילן זייער ברענעדיקע האַרץ.

אונד ווי האָבן עס די פשוטע אידן געליבט זייער לאנד? זייער ארץ־ישראל? מיט דעם ראָזיקן צויבער־וואָרט „ארץ־ישראל" האָט מען געקענט א פארחלש'ט, א פארחוטכ'ט, א פארשמאכטן אידן ווידער אויפמונטערן! מיט אָט דעם וואָרט — א צולאָזענעם, א הפקרות־מנוטשריק, אָדער א וואס־יחסגישן שטאָלץ־גרולידינן תקיף אריינגעוואָרפען אין מרה־שחורה.

מיט דעם וואָרט האָט מען פון אידישע אויגען ארויסגערופען טרערן. טרערן פון שמחה און טרערן פון צער. מיט דעם וואָרט האָט מען געוועקט האָפנונג און פרייה, יאוש און ביטערניש.

אין כלל מוז מען וויסען, אז ווען מען רעדט פון א פארצייטיגן, פון א פשוטן אידן זאָל מען ניכט באנוצען די געשליפענע פראזן פון מאָדערנעם אידעאליסט. וועלכער זוכט זיך ערשט קלאָר צו מאכן וואָס ער וויל און פארוואס ער וויל. דער פשוטער איד האָט זיך נאָר ניכט קלאָר געמאכט; ווידער־אויפלעבונג, זעלבסט־שטענדיגקייט, נאציאָנאלע פראָדוקטיוויטעט א. א. וו. — די אלע ווערטער האָט דער פשוטער איד ניכט פארשטאנען, ער איז געזעסן און ביטער געוויינט אויף זיין חורבן, ער איז אויסגעגאנגען פון שטערן, פון ווייטאָג, זיין גאנצן לעבן האָט ער אפגעיאָמערט און אָפגעקלאָגט.

געדיינקט איר נאך די אמאָליגע תשעה־באב'ס?

פרובט זיי נאָר פארגלייכען מיט די היינטיקע פאלעסטינא־דעמאָנסטראציעס: מיט די היינטיגע טרויער־און פראָטעסט־פארזאמלונגען; טוט עס אייך איר האט עפים א געשמאק!

זיי האבען ניכט געקעמפט, זיי האבען ניכט שטאָלצירט, ניכט דעמאָנסטרירט, ניכט אגיטירט, פראָפאגאנדירט, געזאמעלט, גערופען, געוועקט, געמאָנט, זיי האָבען ניט געשאפען, ניט געבויעט?

אמת! זיי זיינען געזעסן אין זייער ווינקעל און שטיל געוויינט, ווי מ'וויינט א־קינד, ווען מען רייסט איהם פון זיין מוטערס ברוסט, ווי עס וויינט א ציטערדיגער בן־יחיד, וואס צייגינער האָבן איהם פארשלעפט. האט איהר אפשר טענות צו זיי, מאכט איהר זיי דערפאר פאָרווירפען? איר מוטיגע און שטאָלצע, ציפרידענע און זאטע אידעאליסטען? איר פארשטייט ניט זייער שמערץ, איר קענט ניכט זייער יודיש האַרץ!

באגרייפט איהר דען זייער אומגליק, וואס זיי האט געפעלט און וואס זיי האט געמאַרטערט? וואס זיי האבען דורכן חורבן־הארץ און חורבן־בית־המקדש פארלאָרען?

די אלטע יודען זענען בלויז געזעסען און געוויינט, 2 טויזנד יאהר אפגעוויינט די גאנצע צייט, אבער די גאנצע 2 טויזנד יאהר האבען זיי געטרויערט — ווי אבלים געטרויערט, און א אבל טאָר על־פי־דין ניכט עוסק זיין במלאכה... זיי זענען געווען אמתיע אבלים, א אמת'ר אבל, א זעלכער וואָס זיין הארץ איז פרווירג, קען און וויל נאָרניכט ארבייטען, עס קריכט איהם ניכט אין קאָפּ.

ער פאַרלאַנגט און באַגערט קיין זאַך ניכט, ער איז זאַט פון צער און טרערן...

יאָ, די אמאָליגע יודען האבען געליבט זייער לאנד! ווען מ'זאָגט, אז זיי האבען פשוט געברענט פון ליבע, איז עס צו קנאָפּ, אויך א היינטיגער יונגער ציוניסט מוז מודה זיין! יאָ, געוויס ווי זענען געווען באגייסטערט פון רעיון „ישוב־ארץ־ישראל", זיי האָבען געטראָגען אין הארצען די האָפנונג און ערוואַרטונג אויף דער גאולה.

אָט אזוי זענען געווען אונזערע פשוטע זיידעס.

זיי האבען שרעקליך ליב געהאט בילדונג, געגארט נאך וויסען, געקוואלען פון שיינע ליטעראטור — יודישע וויסען בילדונג, ליטעראטור — פארשטייט זיך לאָמיר זיך ניכט אפנארן: די גאנצע אהבת־התורה פון די פארצייטיגע יודען מיט איהר קדושה און יראת שמים איז בעצם געווען ניכט אנדערש ווי א גרויסער דראנג צו חכמה, דורכגעוואַרעמט מיט'ן הייליגען פייער פון אמונה, נעבן דער גרויסער שמחה, וואס דער פרומער יוד האָט געהאט, לערנענדיג די תורה הקדושה וואס ער איז מקיים די מצות הבורא האט ער אין זיין הארץ געשפירט אזא מין הנאה, וואס דער באַרערנער מענש רופט „ליטעראַרישער גענוס" אָדער „פרייד פון וויסענשאפט".

ווען א אָרימער בחור פאָרט אוועק אין א אוניווערזיטעט, הונגערט און שטודירט, זאָגט מען געוויינליך: נו, א אידעאַליסט! ער איז זיך מוסר נפש פאר בילדונג אפפערט זיך פאר דער וויסענשאפט. באָטש ער טראכט פון א פראקטישען צוועק, און מאכט אויך אמאָל א שיינע קאריערע. פון א פרימען יודן זאָגט מען: אָ, ער האָט אין זינען, עולם־הבא, לויתן און שור־הבר, ער איז א עגאָאיסט! מ'איז אָבער ריין פסיכאָלאָגיש באטראכט גרונט־פאַלש. — עולם הבא איז ניכט קיין פראקטישע פארשטעלונג, עס איז א גלויבענזאַך, יעדער גלויבען אָבער, גאנץ גלייך וועלכער, איז שוין דורך זיין טבע און זיין מהות א אידעאַליזם. עגאָאיסטיש איז א מענש, וואָס פאר זיינע אויגען שוועבט א קאָנקרעט בילד פון דער ארומיגער ווירקליכקייט, וואָס זיין ארבעטס־פליים ווערט געשטאַרקט דורך זיין אפעטיט צום פראקטישען ציל, וואָס אין זיין באגייסטערונג פילט זיך א בייגעשמאַק פון חושיגער תאוה!

אין דער פארשטעלונג פון עולם־הבא איז נישטאָ קיין שפור דערפון. כדי אין עולם הבא צו גלויבען, כדי עולם־הבא צו ווילען, כדי מיט דער פאָרשטעלונג פון עולם הבא זיך צו פרייען מוז מען פריער האָבען א גרויסע פאָרציאָן פון איבערנאַטירליכען אידעאליסמוס. מוז מען פריער יעדער עגאָאיסמוס, יעדער גשמיות־דיגען חשק פארלירען, מ'מוז זיך נייגן אין קדושה, מ'מוז פון קינדווייז אָן אויפוואַקסען אין א ספערע פון אידעעלער געזינונג, כדי איבערהויפט צו האָבען אפעטיט און חשק צום עולם הבא.

וואָס איז אידעאַליזמוס?

אידעאַליזמוס איז גייסטיגער עגאָאיזמוס. יעדער אידעאליסט, וואס שטרעבט, קעמפט, פרייט און בעגייסטערט זיך, איז עגאָאיסטיש. ער מוז עס זיין ווען ער זויגט נאָר די קראפט און זאפט פון זיין נשמה. א געשטאָרבענער באַגערט גאָרניט און פילט נישט זיין „איך". א לעבעדיגע פערזענליכקייט מאכט זיין „איך" צום ברענפונקט פון זיין באוועגונגס־קראפט. וואָס מער א פערזאן איז שטארקער, וואָס מער א פערזאָן איז אידעאליסטישער, אלין מער עגאָאיסטיש איז זי, אין חילוק איז אָבער דאָ צווישען דעם אידעאַלען עגאָאיזמוס פון גראָבען בעל־בשר וואָס שטאַפט כסדר צו זיך אין קעשענע, און אין אייגענעם מאָגען, און קוקט דערביי בייז אויף דעם אנדערען, וואָס מאכט אויך דאָסזעלבע וואָס ער.

אין חילוק נאָר: דער עגאָאיזמוס פון א אידעאַליסט איז א ריינער, א איידלער און א גוטער, ער זוכט פאר זיך גליק, גינט און ווינשט אים אויך אנדערע. אזוי איז אָבער פינקט געווען דער פארצייטינער עולם־הבא איד. דען וואס איז איבער הויפט עולם־הבא? די יודישער עולם־הבא איז ניט דער מאַכמעדאַנישער גן־עדן. „צדיקים יושבים ונהנים מזיו השכינה" אדער: זיצען אין מתיבתא דרקיעא און לערנען התורה. אלזוי ווידער לערנען תורה!

איך קער מיך אום צוריק צו מיין טעמא. יא די פארצייטיגע זענען געווען פיינע יודען, מיט אלע שיינע מעלות, אָדער ווי דער דייטש זאָגט: מיט די בעסטע קוואליטעטען פון עכטע אידעאליסטען. און פינקט אזעלכע יודען, ווילען מיר אויך זיין אָדער אפשר וועט אונז געלינגען אונזערע קינדער אזוי צו מאכען. דארף מען בעסער? און וואס איז אונזער פראָגראם?

נעמט ניט פאר אומגוט. עס ווילט זיך מיר לאכען, ווען איך הער די פראגע פרעגענדיג. ערלויבט מיר דערציילען אייך א מעשה: איך האָב געהאט אין בערלין, א באקאנטען דייטש. א נאַאיווער און בראַווער מענש, א גוטער ציוניסט דערצו, ער איז גראָד געווען שפעציאַליסט אין הלכות פראגראם־מאכעריי. די פראגראַמען פאר די יונגע ציוניסטישע פעדעראציעס פלעגט ער אויסאַרבייטען. מען האָט געוואוסט: ער איז א ספעציאַליסט!

נאטירליך האָט ער בלויז די שפראַך אין די פאָרם געגעבען. די געדאנקען האָט פערשטייט זיך שטענדיג געבראַכט א רוסישער אָדער אליטווישער סטודענט. יעדער יונגע פארטיי אין דער ציוניסטישער ארגאַניזאציע האָט שטענדיג איר אָפּטירישען טעאָרעטיקער און איר רייכען פראגראם־פערפאסער.

ויהי היום האָט דער רוסישער טעאָרעטיקער התונה געהאט מיט א הייסער ציוניסטקע, קומט דאָך סתמא דער דייטשער פראָגראם־ספעציאליסט אויף גראַטולירען. איך בין געווען דערביי, איך הער ווי דער בראַווער דייטשעל פרעגט זיין רוסישען חבר: האסטו שוין אויסגעארבייט א פראגראם פאר דעם גאנג פון דיין פאַמיליען־לעבען? וואס, וואס, א פראָגראם? מיר דוכט שרייט דער חבר אויס — דו בינסט פארריקט!? אָבער ווארום דען? מיין ליבער? לאָזט דער דייטשעל ניט אָב. דא ענטפערט אים דער רוסישער טעאָרעטיקער [illegible] מענש מוז פערמאָגען א פראגראם פונקט [illegible] רוסלאנד האָט מען געגלויבט אז אָן פאספארט קען א מענש ניט לעבען, א פראגראם איז לכתחילה בעשאפען נאָר [illegible] טאָם זי האָט צו טאָן, דער פראגראם ווייזט איר

---

*ה״ה הרה״ג בעמח״ס שו״ת שרידי אש

Die Vorzüge der Elektrizität!

Ein elektrischer Schnellkocher kostet Sie nur	Kč. 72.—
1 Liter Milch oder Thee zum Kochen zu bringen kostet Sie nur	Kč. 0.15
Das Aufheizen eines gwöhnlichen Sparherdes mit Holz kostet Sie dagegen	Kč. 0.80

Dieselbe Differenz ergibt sich, wenn Sie ein Nachtmahl bereiten wollen!

Ein elektrisches Bügeleisen kostet blos	Kč. 60.—
Eine Stunde Bügeln kostet Sie	Kč. 0.65

Was für ein Vorteil gegenüber dem gewöhnlichen Bügeln mit Holzkohle!

Ein elektr. Bügeleisen leistet zweimal soviel alz ein Kohlen-Bügeleisen, ist bequem, gefahrlos und gesund!

. פארטיי־מענש דארף א פראג־ ערסאנט אים אָן זיינע פליכטען. א ארגאניזאציע האב איך געמאכט פראגראם, כדי דערמיט צו ערקלערען דער וועלט, וואס מיר ווילען און מיינען. אבער איך פאר מיין פאמיליען־לעבען דארף א פראגראם? מיין האַרץ איז מיין וויזער.

א פראגראם — זאגט דער טעארעטיקער מיט פאטאס אויס — איז א געפעס, וואס מ'פאקט דארט אריין געהירען, דאס הארץ, דאס לעבעדיגע, פרישע יונגע הארץ באַוועגט זיך פריי. פארשטייסטו מיך ליבער ווימש ?!

פארשטייט איר, רוף איך מיט דעם טעארעטיקער, א האַרץ דארף נישט קיין פראגראם עס באוועגט זיך פריי!

און אויב איהר ווילט דוקא — האבען מיר אויך א פראָגראם, אונזער פראָגראם איז ניט די פון באזעל, און הויבט זיך ניט אָן פון קאטאוויטץ, מיר האָבען א פראגראם וואס דאטירט פון אלטע צייטען, אזש פון מעמד הר סיני און עס הייסט: וזאת התורה אשר שם משה וכו'

א פראגראם, וואס איז מקן אלין, וואס א יודען איז טייער און ליב, נעמט ארום אלין, וואס איז הייליג און געהייליגט פאר און דורך דאס יודישע האַרץ.

מיר זענען ניט קיין פארטיי, און ווילען עס ניט זיין, מיר ווילען קיינעם ניט באקעמפען נישט ערָאבערען, און נישט באזיגען, מיאוס און מאוס איז אונז די מלחמה — די מלחמה מיט ברידער.

פערעקעלט איז אונז נאך מער דער נצחון — דער נצחון איבער דעם אייגענעם ברודער, מיר ווילען מיט אייך און אר אייך ארבייטען, מיט אייך, ווען איר עט פארשטיין אונזער האַרץ, אונזער רויער און אונזער בענקשאפט. פארשטייט יר אונז נישט, — ארבייטען מיר אליין! בער ניט געגען אייך, נאר פאר אייך! י וויט איר ארומלויפען און שרייען: י חביהניקעס, צבוע־קעס, זיי יקן, דעם פאלק פערפינסטערען, פאלקס־ יינד, היטעל־קאַוּאַקען, און אנדערע שיי־ ע ווערטער.

אויב איר ווילט שרייט געזונטערהייט, א רחמנות נאר אויף אייך, אבער איך זאָג ייך; איר מאַכט אזוי נישט רעדען. אויב יר האָט א יושר אין האַרצן, א ביסעל עראנטווארטונגס־געפיהל און געוויסען.

מיר שטרעבען ניט קיין כלי־זיין און ראנגען נישט קיין קיטען, אונזער הארץ ולט'ט און בענקט נאך א יודיש לעבען. יר לעכצען נאך יודישען גייסט, אונזער שמה דורשט נאך א מיין יודיש וואָרט. יר גייען ארום אומעטאום און זוכען, לאנדזשען און טאפען, און מיר פיהלען: ונזער נשמה הויבט אָן צו טריקענען, ונזער האַרץ ווערט פערגליווערט. און דא אבען מיר זיך דערמאַנט: אונזערע אל־ ע ברונענס זענען נאך נישט פערשטאָפּט ון פערשאָטען. אונזערע אלטע קוואלען ליסען נאך, און דא האבען זיך אונזערע זינען ברייט געעפענט, און א שטימער אָט אונגעהויבען צו שרייען פון טיפעניש: יר זאָלט נישט דעם אלטען קוואל פער־ בטען, נאר דערפער, ווייל ער איז אלט — זין וואסער איז זיס און פריש! און דאס יז אונזער אויפגאבע: מיר ווילען, דאס ערבלאסטע ווידער אויפפרישען, די פער־ לאָשענע ווידער אָנצינדען, דאס פער־ נסעגענע ווידער לעבעדיג מאכען, מיר ילען אין די יונגע הערצער איינפלאנצען, עס אלטען גלויבען, די אלטע קדושה, אלטע גבורה. די גבורה פון פרומען על־תשובה, וואס ברעכט ווינטער דעם יז, און טובלט זיין פערפרוירענעם קערפער, אייזערנע געדולד פון יודישען מתמיד, התלהבות פון פארצייטיגען גאון. דאס נען אלין אלטע אויב איר ווילט נאציאָ־ אל־יודישע אייגענשאפטען.

און די ווילען מיר פערבינדען מיט נען פרישען מוטה, מיט יונגען רייגעם ן שטארקען ווילען.

רופט עס סינטעזע, סינטעזע פון לע־ ן און אמונה, פון אלטען גייסט און נע קרי״א. איך [illegible]

חייסט עס: מיר ווילען זיין עכטע גאנצע יודען, מיר ווילען בלייבען פשוטע יודען, און דאס איז שוין אלץ. איהר נים ארום אין זאָגט: „מיר ווילען בעפרייען דאס יודישע פאלק" גוט, נאט אייך אונזער ברודער תאגר!... פאסט אבער אויף און געדענקט: בעפרייען דאס פאלק, זאל נישט פיהרען צום — בעפרייען זיך פון פאלק!

אויסזיכטען אויף א העפטיגען וואהל־קאמף ביי די אוזהאראדער קהלה־רעפּרעזענטאנץ

קומענדע וואך זאנטאג וועט אבגעהאלטען ווערען די וואהל צו די אוזהאראדער קהלה־רעפּרעזענטאנץ.

די איצטיגע וואהל וועט לויט אלע אויסזיכטען האבען א העפטיגען פערלויף, מחמת ביידע פארטייען האבען אין בעטריב געשטעלט אלע פארטיי־כוחות, דערפאר אז ס'איז צו רעכענען אז בלויז געציילטע שטימען וועלען דעם רעזולטאט ענטשיידען.

אין די לעצטע טעג זענען אפילו אָנגעקניפּט געווארען פרידענס־פערהאנדלונגען צווישען די צדדים פון די קהלה־פארטיי און גרינוואלד פארטיי, ס'איז אָבער נישט גלויבליך, אז מ'זאָל קענען שאפען א איינהייטליכע ליסטע, ווייל יעדע פארטיי האלט זיך פאר שטארק.

שטעדטיש נאטאריאטאמט מוקאטשעוו.

נומער 6327/933

געגענשטאנד: וואהל איין לייטונג צו דער געמישטע געווערבענאסענשאפט אין מוקאטשעווא.

קונדמאכונג

איך מאך בעקאנט, אז די וואהל צו דער געמישטע געווערבענאסענשאפט אין מונקאטש, וועלכע דאס אמט האט מיט איהר קונדמאכונג פון 15 פעבער אונטער נומער 3980/33 אויסגעשריבען, וועט לויט פענגדעם יאהר אם 2־טען אפריל 10 א זייגער פ. מ. אין שטעדטישען גרויסען זאל אלס פארזעצונגס־פערזאמלונג פאָרקומען, צו וועלכער פערזאמלונג אלע מונקאטשער און פון בעצירק שטעטעל געווערבע־טרייבענדע ווערען היעמיט איינגעלאדענט, מיט דער בעמערקונג, אז ביי די גענעראלפערזאמלונג, וועלען נור דיעניגע שטימבערעכטיגט זיין, וועלכע פערפיגען איבער א גילטיגען געווערבע־שיין און האבען זייער שטימרעכט נישט פערלוירען אויף'ן גרונד פון געווערבענעזעץ § 191

די אינטערעסענטען ווערען אויך אויפמערקסאם געמאכט, אז צו די גענעראל־פערזאמלונג זאלען זיי מיטברינגען צייגניסע וועלכע בעשטעטיגען זייער אידענטיטעט.

מוקאטשעווא 9־טען מערץ 1933

שטעדטישער אויבערנאטער:

Beskid.

דער בעריהמטער חזן רופ אין מונקאטש

דער בעריהמטער ווערבויער חזן ה' אייזיק רופ (א חוזג קינד) האט דעם שבת פאר א פאלגעפאקטען עולם געדאווענט אין גרויסען ביהמד"ר, ווי דער עולם האט געהאט א תענוג־רוחני און א אמת'דיג עונג־שבת.

דער יונגער חזן האט מיט זיין שטימע און מיט זיינע גרויסע מוזיקאלישע קענטניסע ממש בעצויבערט אלע מתפללים. איהם ערווארט צוליב זיינע פעהיגקייטען א בליהענדע צוקונפט.

עונג שבת

די פערוואלטונג פון מונקאטשער בית־הכנסת הגדולה שפרעכט אויס אין נאמען פון אלע שוהל, צוזעמער א הארציגען יישר־כח פאר דעם וועלטבעריהמטען מיתאלעוויטצער חזן מו"ה זלמן לייב וויעדער ביי וואס ער האט שבת פ' תשא אלע מתפללים, וואס האבען די גרויסע שוהל גאנץ אנגעשטאפט, מיט זיין האנדערליכע שעהנע שטימע און קינסטלערישען דאווינען א עונג שבת בערייטעט.

פערוואלטער דביהכ"נ

דוב עקשטיין

~~Die Hausfrau ist verantwort~~lich für die Gesundheit und für das Wohl der Familie. Sie muss daher bestrebt sein, nur lauter leicht verdauliche und bekömmliche Speisen auf den Tisch zu stellen. Aber auch Abwechslung soll die Speisenfolge bringen. Deshalb wird jede Hausfrau es mit Freude begrüssen, dass die Firma Dr. A. Oetker, Brünn, ihr hier wieder mit neuen Anregungen zu Hilfe kommt.

Soeben ist wieder eine neue Folge der so bewährten Oetker-Rezepte erschienen, das Büchlein ist unter der Bezeichnung Oetker-Rezepte Ausgabe H bei jedem Kaufmann erhältlich. Falls vergriffen, wende man sich an die Fabrik Dr. A. Oetker, Brünn, Rossitzergasse 2 direkt, die das Büchlein gerne umsonst und portofrei allen Interessenten zusendet.

Wohlbenagen und gute Stimung

zu den Feiertagen verschafft eine Tasse guten Kaffees, aber gleichviel, ob teuere oder billige Bohnenkaffee-Sorten, man vergesse nie eine kleine Beigabe von

פסח פראנק

קאפפעע

פערלעסליך כשרן

קאפפעעצוזאמץ

Fabriksmarke: **Kaffeemühle**

מודעה.

אודיע בזה אשר הבאַק־פולווער והוואנילינצוקער, מהפירמא

דר. א. אעטקער

הנעשה תחת השגחתי יכולים אחביי להחזיק ברשותם בחג הפסח וגם לסחור בהם בהודים בלי שום חשש כלל רק לאכילת ישראל בחג הפסח לא הוכשר.

ע"ז בעה"ח היום ג' ס' כא שנת תרצ"ג פה קאשוי יע"א

חנוך העניך פאָל

רומין דפה קאשוי.

פערלאנגט אין אלע געשעפטען נור

דאס בעסטע שפייזעפעט מארקע:

„מירטוס" של פסח

„MYRTUS"

וועלכע איז כשר אפילו למהדרין, ווייל די

ערצייגונג געשעהט אונטער די השגחה

פון מעהרערע ארטהאדאקסישע רבנים.

Kosmos-Werke: EMIL PICK & Co ČASLAU.



Es wird gesucht Sommer-Wohnungen, im Dorf u. wird bezahlt für den ganzen Sommer. Zuschriften sind zu richten an: Svarc, Praha II-704

Městská spořitelna na Král. Vinohradech

איינלאגען:
Kč 957,543.968·17

Filialen in Podk. Rus:
Užhorod, Mukačevo,
Chust u. Rachov.

רעזערווע פאנד:
Kč 33,000.000.—

בעזיצט אונבאשרענקטע האפטונג
פון פראגער הויפטשטאדט.

אז מיהאלט געלד אין דער וואהנונג אדער אין דער טאש קען דאס געלד לייכט פערלוירען ווערען, אויסער דעם איז דאס עלול אויסצוגעבען. אונזער שפארקאסא געמט גערן איבער איהר געלד אויפצובעוואהרען און צאהלט ציזען און דאס געלד ווערט אויף וואנטש יעדע מאמענט אויסגעצאהלט.

Mukačevská Lidová Banka

Afiliace banky čsl. Legií v Praze

Munkacser Volksbank

Telefon Nr 9. Telefon Nr 9.

פיהרט דורך אם קולאנטעסטען
אלע באנקגעשעפטע

איינלאגען ווערען גינסטיג פערצינזט

Sanatorium DARKAU, PRIM. Dr. J. BEIER.

Eröffnet am 2. Jänner 1933.

Heilung von: chirurgischer Tuberkulose, Skrofulose, Rachitis, Arteriosklerose, Frauenleiden, Exsudaten, Hautleiden, Lues, rheumatischen Leiden, Thrombophleibitis, Blasenkrankheiten, Tabes, Kropf usw Heilbehelfe: Jodbromsolbäder, Hydro-Elektrotherapie, -Zander, Jodinhalatorium, Röntgen, Elektrokardiograph, Operationssäle. Ganzjähriger Betrieb, auch für ambulante Patienten.

קויפט איך

קאך־מעבעל

אין שענסטער און מאדערנסטער
אויספיהרונג צו אייערעם ביליגע
פרייזען.

ביי די ערשטע קוועלע.

Herman Reinhartz Mukačevo,
Duchnovič 25.

פרייע בעזיכטיגונג אהנע קויפ־
צוואנג!

פאליאנער
מינעראלוואסער
צו בעקומען ביי דער
מינעראלקוועלען־פאכטונג
סוואליאווא.

**דירה נאה מרחיב
דעתו של אדם**

דאס מיינט מען אז מ'האט שעהן מעבעל אין דער דירה האט מען הרחבת הדעת, ... יעדער בעל נעמינט זיך ... כדאי צו קויפען שעהן מעבעל, איבערהויפט ווען איהר קענט דאס האבען ביליג און צו לייכטע צאהלונגס בעדינגונגען, ביי:

Samuel Deutsch, Mukačevo

נעבען דער פאסט

כל דכפין ייתי ויכול

ווער עס וויל האבען שמורה מצות אדער פערטיגע שמורה מצות, ווי אויך פראסטע מצות, (פראסטע מצות ווערען נור פערקויפט איבער האלב טינקאטש)

כשר אף למהדרין מן המהדרין

תחת השגחת ר' בעריש קלישטשאניווער, איז צו בעקומען אין יעדען קוואנטום, אויך פער פאסט. צו ביליגע מאגען־פרייז ביי:

Benjamin Berger, Klačanova
p. Rosvegovo.

אדער אין לאגער ביי:
משה כהן מונקאטש, נעבען דער
שטיוועלסין נו. 2.

דורך אייערע בעשטעלונגען העט איהר אינזערעם מחזיק זיין די תּת פון ר' בעריש קלישטשאניווער.

יאהרצייטס טאבעללען!

פערשטענדיגע היעסים דאס איך איינע
נייע אויפלאגע פון יאהרצייטס
טאבעללען געמאכט האבע
וועלכעס אויף דען פיינ־
סטען האלבפרייען פאר־
פיער אונד שיהנ־
סטעם מוסטער
אויסגעפיהרט
איזט

מוסטער זענדע נור ביי איינזענדונג פון 2 Kč. מארקען

בית מסחר ספרים טליתים עטרות של
ישראל זשופניק קאשיצע
Izrael Zsupnik Košice
Harung gasse 20

געגרינדעט אים יאהרע 1863.

BEREG-MUNKACSER BANK

MUKAČEVO.

Filialen: CHUST, TIAČEVO.

אפילירט פון דער סלאוואקישער אלגעמיינע קרעדיטבאנק.

גרונדקאפיטאל Kč. 3.510.000.
רעזערווען Kč. 2.160.000.

איבערנעהמט איינלאגען, איינוועקסלונג פון אויסלענדישע געלדער, קרעדיטירט צו פארטיילהאפטעסטע בעדינגונגען.

די עלטעסטע געלד־אינסטיטוט אין פאדקארפאדסקא רוס.

די ערשטע און די איינציגע רוסינער
באנק אין קארפאטא־רוס איז די

PODKARPATSKIJ BANK A. G.

UŽHOROD, Masaryk Platz 9.

רעזערווען: Kč. 700.000
גרונד־קאפיטאל: 5 מיליאן קרוין
איינלאגען: 35 מיליאן קרוין

פיליאלען: [illegible]

ערלעדיגט יוריסטישע און פערזענליכע
אנגעלעגענהייטען אין אמעריקא

ווינער באהן פאהר־קארטען [illegible] אין
אין אויסלענדישע פיהר־קארטען, בעקומט מען אין
3—4 טעג. רייזע־דאקומענטען פאר אלע שטאאטען.

SLOVENSKÁ BANKA

Filiale in Mukačevo

Telefon No. 99. Filialen 38.

Einlagen auf Vorzeiger, bei strengster Geheimhaltung auch gegenüber den Finanzbehörden. Ankauf von Valuten, Dolaren u. s. w.

Zentrale in Bratislava. Gegründet im Jahre 1897.

Herausgeber: Jüdische Zeitung Gesellschaft Druck von „Grafia" Buchdruckerei Mukačevo Masarykova 12

ווי עס זעהט אויס הייבט זיך איצט אָן א נייע פּאָליטישע־סדרה. אייראָפּא ווערט צוטיילט אויף 2 מיינונגען די פּראָ־רעוויזיאָן און די קאָנטרא־רעוויזיאָן, אויב די פראגע זאָל געלעזט ווערען ביים פעלקערבונד ווי א יעדע מלוכה האט א גלייכע דיעה ווערט מאסאליני'ס פלאן העכסטוואַרשיינליך פערווארפען. אלענפאלס האט דער נייער פלאן ארויסגערופען נייע וארנען פאר די אינטערעסירטע מלוכות.

יאפאנ'ס אויסטריט פון פעלקערבונד

ווי ס'איז בעקאנט האט יאפאן פערלוירען דעם דין־תורה ביים פעלקערבונד ביי דער כינעזישער פראגע יאפאן וויל נישט אנערקענען דעם נישט באשטימטען פסק־דין און זיי האבען בעשלאָסען ארויסצוטרעטען פון דער פעלקער־ליגע. די וואך האט דער יאפאנישער קייזער אונטערשריבען די מיניסטעריון'ס בעשלוס און יאפאן'ס אויסטריט איז אויגאך ענדגילטיג.

Im wetterwendischen April

ist der menschliche Organismus stets besonderen „Kraftproben" ausgesetzt: bald regnets, bald ists warm und die feuchte April-luft steckt voller Erkältungsbazillen! Seien Sie im April doppelt vorsichtig! Verabsäumen Sie es nie, Ihrem Mundspülwasser ein paar Tropfen vom Menthol-Franzbranntwein

ALPA

zuzusetzen: das desinfiziert die Mundhöhle, schützt vor Ansteckung und regelmässige Einreibungen mit Alpa machen den Körper kräftig und widerstands-fähig; das sagt auch der Arzt!

פון דער וואך

דער פערלאנג צו רעווידירען די פריעדענס פערטרעגע

די פּאָליטישע סענזאציע פון דער וואך איז די רייזע פון די ענגלישע מיניסטארען קיין רוים און מאסאליני'ס פארשלאג וועגען דעם וועלט־פרידען.

מאסאליני האט פאר די ענגלישע מיניסטארען ארויסגעזאגט בפירוש, דאס וואס ער האט ביז איצט נישט געזאגט; דהיינו, די אלטע פאָדערונג פון רעווידירען די פריעדענספערטרעגע צו גינסטען פון די בעזיגטע שטאַאטען (דייטשלאנד, עסטרייך, אונגארן, בולגאריען). צו דעם צוועק שלאָגט פאָר מאסאליני אז די 4 גרויסע מלוכות ענגלאנד, פראנקרייך, איטאליען און דייטשלאנד זאלען דיראווינע שינויים און רעווידירונגען דורכפיהרען.

מאסאליני'ס פראיעקט האט אפילו ביי די ענגלישע מיניסטארען נישט אנגעטראָפען אויף א גרויסען ווידערשטאנד, דערפאר האט דאס אבער ווי א באמבע געווירקט ביי די אינטערעסירטע מלוכות; פראנקרייך, פוילען, און ביי די מלוכות פון די קליינע־אנטאנט.

די קליינע אנטאנט האט שוין ענערגיש פראטעסטירט נעגען די אלע רעוויזיאניסטישע כוונות און האבען ערקלערט, אז זיי וועלען מיט בליט פערטיידיגען זייערע גרענצען. אין עהנליכען מאָן האט פראטעסטירט דער פוילישער אויסערן־מיניסטער.

שׂל פּסח־קאַפּפעע־צוזאַמץ

אין ברוינע שאכטלען, איז לויט הכשר פון הרב הגאון מוהר"ר שמעון שרייבער אבדק"ק ערלוי שליט"א

פּערלעסליך כשר

איז אויך היאחר צו האבען אין גאראנטירט ריינער און

אויסגיביגער קוואליטעט

ביי די פירמא:

Heinrich Franck Söhne A. G. Košice.

דיזע פאבריק שטעהט אונטער איבעראויפזיכט פון הה"ג מוהר"ר שמעון שרייבער שליט"א און אונטער א שטענדיגע קאנטראלע פון איהם בעטרויטע משגיחים, אזוי אז זעמטליכע ערצייגניסע זיינען

פּערלעסליך כשר

און קענען דאהער פון יעדען יוד א גאנץ יאהר געברויכט ווערען.
אין אייגענער אינטערעס בעאכטען זי ביים איינקויף:
די ברוינע פארב פון שאכטעל,
[illegible] און
די אונטערשריפט: פראנק.

פרעשאווער רב הרב לויא איז ארויסגעוויזען און ארויסגעפיהרט געווארען פון דער טשעכאסלאוואקיי

נאך א גרויסען רושם האט אין פרעשאָוו געמאכט דאס ענערגישע אויפטרעטען פון די ארטיגע פאליציי־ארגאנען נעגענאיבער דעם פרעשאווע'ר רב הרב לויא וועלכער איז מיט פאליציי אסיסטענץ ארויסגעשטעלט געווארען פון טשעכאָסלאָוואקישען געביט.

הרב לויא איז שוין עטליכע־יאהר טעטיג אין פרעשאוו אלס רב, פון דער התחלה אָן האט ער אבער נישט געהאט קיין אמטליכע לעגליזאציע אויסצואיבען די רבנות־פונקציע, מחמת ער האט נישט בעזיצט דאס טשעכאָסלאָוואַקישע שטאאטס־בירגערעכט. ער האט נור אלטמאהל פראָוויזאריש בעקומען א וואהנרעכט אויף א שמיקעל צייט. די פ. וואך איז איהם אבגעלאָפען דער טערמין און די בעהערדען האבען איהם באין אופן נישט געוואָלט פערלענגערן זיין אויפענטהאלט רעכט ואנדערן זיי האבען דורכגעפיהרט די אויסווייזונגס־עקזעקוציע און האבען איהם איבער די גרענצע מיט פאליציי אסיסטענץ אויסשאפירט.

הרב לויא האט אפילו ביי זיך אין שטאָדט א היפש ביסעל מתנגדים און סתם שונאים די דאָזיגע מעשה האָט אבער אפילו ביי זיינע געגנער ארויסגערופען דעם שארפסטען פראטעסט.

Leiden Sie an Rheumatismus? Alpa-Massage verschafft Ihnen Linderung, belebt den Blutkreislauf, gewährt dem Körper die erforderliche Nahrung, stärkt die Muskeln und wirkt wohltuend auf die Nerven.

מודעה.

אודיע בזה אשר הבאַק־פילווער והוואַנילינצוקער מהפירמא

דר. א. אעטקער

הנעשה תחת השגחתי יכולים אחב"י להחזיק ברשותם בחג הפסח וגם לסחור בהם בחוה"מ בלי שום חשש כלל רק לאכילת ישראל בחג הפסח לא הוכשר.

ע"ז בעה"ח היום נ' פ' בא שנת תרצ"ג פה קאשוי יע"א

חנוך העניך פאה
דומ"ץ דפה קאשוי.

ברכת מז"ט

אסינא כזה ברכת סולא טבא ונדא יאי לכבוד תותני המופלג המפורסם איש חסודות וכו' מו"ה מנחם סג"ל שרייבער שליט"א שו"ב בק"ק חוכט. לרגלי אירושת בנו חו"ב החשוב המופלג בתוי"ר כמ"ר אלי' נ"י עם בת הגוות הרבני המופלג החסיד מו"ה שלמה חיים ווייגבערגער ע"ה שו"ב בנעליפענא יע"א ואשר בדרך זה נתקבל לחיות שם ממלא מקום חותנו ז"ל ואשריכם אנשי ק"ק נעליפענא שתצבתם גבול אלמנה ושובתם לחיות שו"ב מומחה ויר"ש עד עתה בתוככם ובעזה"י האברך הלז יהי' ממלא מקומו בכל הפירושים לאויש"א

כ"ד המברך

אהרן סמו"ט, טונקאטש ורעיתו.

מודעה

די התנע יוגענד חברה „דרכי תשובה" פעראנשטאלטעט אי"ה זאנטאג פ' צו הבע"ל 7 א זייגער אבענדס אין קהלס סאלאָן, א גרויסע

פראטעסט פערזאמלונג

נעגען די רדיפות אויף יודען אין דייטשלאנד.

חתונה־שירים

איבער די גראנדיעזע רביישע חתונה אין מונקאטש האבען מיר אין אונזער פ. וואך, אויספיהרליך געשריבען. ס'איז אָבער דאָך אונז באין אופן מעגליך געווען אראבצושרייבען א מקצת מן המקצת פון די אלע אינטערעסאנטע איספאזאנטע ממש קעניגליכע ערשיינונגען וועלכע האבען זיך אין משך פון חתונה־טאג אויף יעדען טריט אבגעשפילט.

אזוי האבען מיר לגמרי פארגעסען אבצושילדערן כאטש מיט א פאר ווערטער.

די בריטשע

דאס איז די בלתים געזעגנען זיך פון איהרע עלטערן וועלכעס איז פארגעקומען ביי א טיש פון די מחותנים אלס מסובים, די כלה מיט'ן רב שליט"א אויבען דער בעריהמטער בדחן וויינטרויב מיט די מונקער יודישע כלי־זמר. וועלכע האבען בעזינגען די כלה און איהר מזכיר געוועזען אלע אבות, די אראלי תרשישים, די קדושי עליונים וועלכע זענען א וודאי אויך אנוועזענד ביי די חתונה.

ביי די בריטשע (אין רבי'ס וואהנונג) זענען געוועזען די מסובין אלע מחותנים די רביים, אדמורי"ם און אלע מחותנת'טעס. עס זענען אָבער דארין געוועזען אויך א ערך פון הונדערט פערשוין די נאנטע ידידים און חסידים וועלכע האבען דעם גאנצען אקט בייגעוואוינט. די טיעפגעריהרטע בדחנ'ס ווערטער מיט די ערנסטע מוזיק־בעגלייטונג פון די כלי־זמר האט א יעדען צוגוסען, די בריטשע האט ביי יעדען מיט זיך פארגעשטעלט פאר א ברוך־הבא עספאנג פאר די גרויסע אבות הקדושים פון גן־עדן העליון. יעדער זייגע די גרויסע קדושי עליונים איז מיט א אנדערען ניגון אויפגעשפילט געווארען. די פנים'ער פון די אנוועזענדע מחותנים און אדמורי"ם שליט"א זענען געוועזען דורכגעווייקט מיט טרעהרען פון שמחה און יראת־עילאה.

די שבעת ימי־המשתה

צוליב פלאץ־מאנגעל אין אונזער פ. וואך נומער האבען מיר לגמרי נישט געשמיסט פון די גאנצע שבעת־ימי המשתה פון וועלכען מ'האט געקענט גאנצע היסטארישע זכרונות פערצייכנען. מיר וועלען נור ערוועהנען אז דער רב שליט"א האט זיך מתאמץ געוועזען, אז די טויזענדער געסט פון די שטאָדט און פון די פרעמד וועלכע האבען נישט געקענט צוקוקען צו די חתונה־סעודה וואָלען כאטש ביי די שבע־ברכות קענען א חלק נעהמען כאטש אין איין סעודה.

אזוי איז עס געוועזען: שבת איז געוועזען די סעודה פאר די פרעמדע חסידים און ידידים א ערך פון טויזענד פרעמדע געסט האבען זיך ביי די שבת־דיגע 3 סעודות געטוישט ביי די טישען כדי יעדער זאל קענען כאטש ביי איין סעודה נהנה זיין מיט די כנופי' חבריא קדישא. גאנץ שבת האבען די שטאָדט בעלי־בתים בעוויזען זייער גאסט־פריינדשאפט זיי האבען אבגעטרעטען די פלעטצער פאר די געסט. דער שבת האט פאקע געהאט א פנים מיט דעם גרויסען קיבוץ יודען בלי עי"ה ממש ווי א ראש־השנה־דיגער עולם.

זאנטאג מיטאג זענען די שבע־ברכות רעזערווירט געוועזען פאר די שטאָדט בעלי־בתים מיט די רעפּרעזענטאנטען פון דער קהלה בראשם. ביי דער סעודה האט זיך ווידער ארויסגעשטעלט. אז דאס פלאַץ איז צו ענג. צוליב זיכערהייטס־טעמים זענען 2 פאליציי וואכלייט געשטעלט געווארען ביים ביהסר"ר איינגאנג און אבגעשפארט דעם איינטריטס־וועג, מחמת דאס ענגעניש און דאס געדרענג איז געוועזען ממש סכ"נ.

די שיינע סעודה האט זיך פון זייגער 3 נאכמיטאג אריינגעצויגען ביז זייגער 11 באנאכט. ביי די סעודה איז געזונגען געווארען דעם הייליגען קאליווער רבי'ן'ס אונגארישע לידער וועלכע דערמאהנען אין אריכת־הגלות. ביי די לידער זינגען האט מען באמערקט ווי דער מונקאטשער רבי שליט"א האט געלאָזט טייכען־טרעהרען.

דער בדחן וויינטרויב פון קשאניוו מיט אונזער היסישען בדחן אשר זעליג ווייס, האבען דערנאך אויפגענומען א בדחנישען דועל. ביי וועלכער מלחמה אונזער בדחן אשר זעליג איז ארויס זיגרייך.

די ביידע בדחנים וועלכע זענען בני־תורה און פערמאגען א גרויסען שאך פון יודישען הומאר האבען מיטגעהאלפען די שמחה־שטימונג אין א געוויסע מאס צו דערהייכען.

דער מאָנטאָג־טאָג האט זיך ווידערהאלט כמעט ווי דער זאנטאג־דיגער. צו דער סעודה זענען געוועזען אפיציעל

ברכת מזל טוב

הנהלת החבורה קנין ספרים בביהמ"ד דהרב אב"ד שליט"א מביעה בזה ברכת מזלא טבא וגדיא יאה חסה ונלכבה, לכ"ק אדמו"ר הגה"ק אור ישראל וקדושו רבן של כל בני הגולה האב"ד ור"מ דק"ק מונקאטש והגלילות שליט"א ולכבוד החתנא רבי נשיאת הרב הגדול בתורה ויראת בנש"ק מלא תשבחות ותהלות כ"וב המעלות כש"ת מו"ה **ברוך יהושע ירחמיאל** שליט"א ויהא רעוא מן קדם מרן דבשמיא שזווגם יעלה יפה יפה לשם ולתהלה ולתפארת וכט"ס.

כ"ד הכותב באה"ד בשם כל הנהלת החבורה הנ"ל.

ר' יצחק אייזיק פערלמוטער ה"ב שלמה בלייער
נשיא החבורה   גבאי דס"ל

ארשת שפתי אביע ברכה משולשת לכבוד קדושת אדמו"ר הרב הגאון שר התורה צ"ס"ע פאר מקודשים ושכבת"ג מרן שליט"א **הגאבד"ק מונקאטש יצ"ו** לרגלי נשואי בתו היקרה והצנועה בת מלך שתחי' עב"ג החתן הגדול בתורה ויראת אוצר כל כלי חמדה מופלג ומאד נעלה מו"ה ברוך יהושע ירחמיאל שליט"א.

יה"ר שזווגם יעלה יפה יפה וישביעו לחוריהם נחת מלא חפנים, ויראו מהם דור ישרים יבורך. לעומתם יאמרו ברוך, ויזכו לגדל פירות, לאילן רוטות, גד נדי וסינוק לא.

החותם בכל חותמי ברכות שבמקדש.
ח"ק משה שמערנבערג הופ"ק קראקא יצ"ו מחבר ספר „אנשי שם וסגנוני נ"ח ועוד.

לרגלי הנישואין בבית אדמו"ר מרן הגה"ק האבדק"ק שליט"א אנו מושיטים לו, לכ"ב ולהזוג הגון ברכת מזלא טבא מסולא עילאה מעומק לבנו.

בשם החברה קוה"ס בביהמדרה"ג
יעקב דוב שפיגעל פרעזעס,
נפתלי זיידענפעלד,   יואל צבי קליין
גבאים

גם אני אבוך בברכת מז"ט את כ"ק אדמו"ר שהי"ת צי"ס"ע וכו' האבד"ק דק' מונקאטש שליט"א ולהזוג הגון לעת שמחתכם בשמחת הנישואין. יהא רעוא שהזיוג יעלה יפה עם כל הפירושים.
אל"עזר יחיאל קליין, סעליש.

דער באלאשאריארמאטער חזן אין מונקאטש

פ. וואך האט דער בעריהמטער באלאשאריארמאטער חזן הרבני המופלג מוה"ר זלמן ליב פעלדמאן געראוועט אין היגען גרויסען ביהמד"ר ביי א גרויסען עולם מתפללים וועלכע האבען געשעפט א תענוג-רוחני פון זיין מתיקות'דיג דאווענען.

די סימבאלען פון ריינקייט.

ווען דער בעל-הבית געהט ארום מיט א ליכט און איז בודק חמץ ערב פסח — ווען דאס טייערע יום-טוב'דיגע געשיר גלאנצט ווידער אין זיין הערליכען גלאנץ —

דאן שטעלט אוועק די הויזפרוי צערעס נעבען דאס ריינע, פסח'דיגע געשיר, ווייל זי ווייס, דאס דיזעס 100%-טיגע ריינעס פפלאנצען-פעטט איז שטרענג כשר אונד דאס צו די פסח'דיגע שפייזען קאן מאן אהנע דיזעס פעטט ניכט אויסקומען.

צ ע ר ע ס

איז א 100%-טיג ריינעס פפלאנצען-פעטט.

דער אושהאראדער קהלה-וואהל רעזולטאט

די וואהלען צו די אוזהאראדער קהלה-רעפרעזענטאנץ האט פאר די גרינוואלד-פארטיי נישט געבראכט דעם ערווארטעטען רעזולטאט. פון די אבגעגעבענע קארטע 680 שטימען איז אויף די גרינוואלד-ליסטע בלויז 305 שטימען געפאלען. דאגעגען האבען אבער די ביז-איצטיגע מושלים די זאגענאנטע מערמעלשטיין פארטיי נאך ווייניגער דערגרייכט. אויף זייער ליסטע זענען בלויז 297 שטימען זיך געפאלען. די רעסט קארטע 50 שטימען זענען פערשיעדענע קאמבינירטע און די וועלען דעם רעזולטאט ענטשיידען.

ביז צום רעדאקציע-אבשלוס האבען מיר קיין ענטגילטיגע וואהל-רעזולטאט נישט בעקומען.

אילאנד

דאס געזעץ פון די ארבייטס-אנלייהען

דאס פארלאמענט האט די טעג אנגענומען א געזעץ אין וועלכע די רעגירונג פיהרט איין א צייכנונג פון פריוואטע הלוואות פאר די שטאאט אונטער דעם טיטעל ארבייטס-אנלייהע.

די ארבייטס-אנלייהע וועט פערווענדעט ווערען צו שאפען ארבייט פאר דעם קאמפען מיליאן ארבייטסלאזע וועלכע געפונען זיך איצט אין דער טשעכאסלאוואקיי. די שטאאט איז נישט ביכולת פון אייגענע מיטעל אויפצוברענגען די גרויסע סכומים וועלכע זאלען ערמעגליכען די ארבייט בעזארגונג פאר א מיליאן מענשען דערפאר ווענדעט זיך די רעגירונג צו די בירגער זיי זאלען צייכנען די הלוואות.

די הלוואות ווערען געצייכענט פון 100 קרוין אויפווערטס. די צייכנער האבען גרויסע הנחות. ערסט ווערט געצאהלט 5% צינזען. די צינזען זענען פריי פון שטייער. פון יעדע הלוואה קען מען זיך אויסנוצען א 25% שטייער-אבשרייבונג. די פרטים פון די אלע הנחות קען מען ערפאהרען אין די גרעסע בענק וועלכע זענען בערעכטיגט אויפצונעהמען די הלוואה-צייכנונגען.

דאס צייכנען הייבט זיך אן דעם 30-טען מערץ און ענדיגט זיך אין 15-טען מאי.

דאס נייע מיעטער-שוטץ געזעץ

נאך לאנגע פארטיי-מחלוקת האט דאס פארלאמענט זיך געאייניגט אויף דעם געזעץ-ענדערונג. אז די 4 ציממער וואהנונגען זאלען אב 1-טען אקטאבער ארויספאלען פון שוטץ-געזעץ און אב 1 יענער 1934 זאלען ארויספאלען פון שוץ אלע וואהנונגען פון וועלכע דער מיעטער האט א יעהרליך פערדינסט פון 50 טויזענד קרוין.

קונדמאכונג

דאס אונגווארער לאנדעסאמט פערקינדיגט א קונקורז צו ליפערען 240 שטיק אייזענטראווערזען צום בוי פון נייעם כיראורגישען פאווילאן פון בערעגסאסער שפיטאל. געשלאסענע אפערטען זענען ביז צום 31-טען מערץ 10 א זייגער פ. מ. אין פראטאקאל אמט פון לאנדעס אמט איינצורייכען.

נעהערע אינפארמאציעס ערטיילט די היגע געווערבעגענאסענשאפט וועהרענד די אמטס שטונדען.

Kopik
רעגירונגס קאמיסער פון דער געווערבע-גענאסענשאפט.

געלאדענט די בני הכפרים. דאס גליל און בכלל פרעמדע געסט. דינסטאג האט דער רב שליט"א פעראנשטעלט די שמחה לכבוד די תלמידי הישיבה און די סתם געסט. מיטוואך איז געוועזען דער שלום-טאג פון די שבעת ימי המשתה, דער מאסף מכל המחנות.

די מז"ט ברכות

מיר האבען שוין געשריבען אין אונזער פ. וואך נאטי'ן פון די הונדערטער טויזענדער בריף און טעלעגראמען וועלכע זענען צו דער חתונה אונגעקומען פון אלע וועלט-טיילען אין צענדלינגער שפראכען. דער בריף-שטראם האלט אבער אין איין ציוואקסען, יעדען טאג קומט נאך אן מאססען בריף פון פראמינענטע פערזענליכקייטען, וועלכע ווערען אליין געוואויער פון די גראנדיעזע חתונה.

אינטערעסאנט זענען אויך די מז"ט ברכות פון אנדערע אמונות, דער בישאף פון דער רעפארמירטער קירכע, דער בישאף פון די גריכיש-קאטוילישע האבען לאנגע בריף אבגעשריבען מיט איניגסטע מז"ט-ברכות. די בריף זענען געשריבען מיט אזא פארזיכט נעהמענדיג און אנבעטראכט דעם רבי'ס ראנג, שרייבען זיי מיט א געוואלדיגען יראת-הכבוד. עס איז אבער כאראקטעריסטיש דער תוכן פון זייערע ברכות, וועלכעס לויטעט; אז דער גרויסער שטארקער באשעפער זאל משפיע זיין ברכות עטצ. דא האבען זיי זיך פאררוכטיג בעניצט מיט אזאלכע אויסדריקע, וועלכע זאלען ענטשפרעכען פאר די יודישע רעליגיאנס-גרונדלאגען.

אויך דער פערטיידיגער פון בעקאנטען הילזנער-פראצעס דר. אויערבאך-טשעק פון וויען האט אבגעשריבען א לאנגען מז"ט-וואונש אין בעט מ'זאל איהם ענטשולדיגען פאר דער פריהייט. אז ער ווינשט זיין ברכת אלס פרעמדער נור בלויז אויס הערען און לעזען פון די צייטונגען די גראנדיעזע קעניגליכע חתונה ביי דעם יודישען מנהיג, האט עס איהם אלס אלטער פערעהרער פון יודענטום בעוואוינען זיין שמחה-געפיהל צום אויסדריק צו ברענגען.

די לעבענספערזיכערונגס-געזעלשאפטען וועלכע זענען אין דער טשעכאסלאוואקיי טעטיג האבען אלע געשיקט גאנצע בעגריסונגס-מגילות.

די אלע בעגריסונגען זענען אוועק געלעגט געווארען אין ארכיוו פון יונגען פאר.

די ארויסגעבליבענע רבנים

אין אונזער פ. וואך נומער איז ארויסגעבליבען א גאנצע רייהע רבנים פון אונזער פערצייכנונג. מיר האבען ארויסגעלאזט דעם ווארשאווער דיין הרב בלומענפעלד. (דער מחבר פון מהרש"ע מייערע ספרים) דעם סערוילעבארצער רב, דעם סיידליסשיווער רב און דעם בעריהמטען הרב המגיד פון קשאנוו. מיר האבען אויך נישט מזכיר געוועזען צעהנדליגער גרויסע רבנישע און וועלטליכע פערזענליכקייטען ביי אונזער רובריק פון דרשה-געשענקע. מיר בעטען פון זיי אלע ענטשולדיגונג.

די חתונה אין ירושלים

גראד מיט'ן זעלבען פראגראם ווי די חתונה איז פארגעקומען אין מונקאטש אין דעם זעלבען זין איז פארגעקומען די מונקאטשער חתונה אין ירושלים ביי די חסידי מונקאטש. ביי די קנאים און כולל-יודען.

דעם גאנצען מיטוואך-טאג ווען חתן-כלה מיט די אבי המשפחה דער מונקאטשער רבי שליט"א האט געפאסט, האבען א ערך פון עטליכע הונדערט ירושלים'ער יודען בעזוכט די היילינע מקומות, פון די כותל-מערבי, קבר רחל-אמנו, דעם ציון פון סבא קדישא זללה"ה. דעם ציון פון כהן גדול דער ראש המקובלים מוה"ר חיים שאול דוויק זללה"ה. דעם ציון פון אוהח"ק, פון רי"ט אלגאזי פון פרי"ח, פון זכרי' הנביא איבעראל האסטען געזאגט מזמורי תהלים און געזאגט מי שבירך'ס פאר'ן רב שליט"א און פאר חתן-כלה און געטרינקען לעקיך און ברוינפען.

אבענדס זענען זיך צוזאמען געקומען די תושבי ירושלים און ביי א פולגעפאקט ביהמד"ר פון מונקאטשער כולל איז פארגעקומען די חתונה-סעודה, די אלע אנוועזענדע האבען געשטעלט וויין און פערשיעדענע משקאות לכבוד די חתונה. אלע אנדערע כוללים און חברות האבען אויך געשיקט משקה און מ'האט געזונגען און מי שבירך'ס געמאכט, מיט ריקודים.

די סעודה איז געוועזען אין גאר א געהויבענע שטימונג און האט אנגעדויערט ביז אין די מארגען-שעהן.

מודעה.

אודיע בזה אשר הבאה־פולווער והוואנילינצוקער מהפירמא

דר. א. אעטקער

הנעשה תחת השגחתי יכולים אחב"י להחזיק ברשותם בחג הפסח וגם לסחור בהם בחוה"מ בלי שום חשש כלל רק לאכילת ישראל בחג הפסח לא הוכשר.

ע"ז בעה"ח היום ג' פ' בא שנת תרצ"ג פה קאשוי יע"א

חנוך העניך פאק

דומ"ץ דפה קאשוי.

מעדיצינישע בעריכט

M. U. Dr. Josef Farbenblum

שפעציאלארצט פאר הויט און געשלעכטס קראנקהייטען האט זיין ארדינאציאן אין מונקאטש, הויפט גאס (טאמאריקאווא) נו. 26 ערעפענט.

ארדינירט: פון 9–11 פארמיטאג און פון 3–5 נאכמיטאג.

היימישע ידיעות

א היימישע כשר'ע מילך־האלע צענטראלע אין מונקאטש

ווי א צייט ווערט אין מונקאטש געמאכט ערנסטע שריט צו גרינדען א כשר'ע מילך־האלע צענטראלע, וועלכע זאל אריינעמען דעם פערשלייס פון אלע מילכען וועלכע קומען אין שטאדט אריין בכדי צו קענען האבען אזוינאך די געהעריגע קאנטראלע איבער די קוואליטעט, געזונדהייט, ריינליכקייט און כשרות בעדינגניסע וועלכע זענען א גרויס נחיצות ביי מילך־פערשלייס.

אין שפיץ פון דער בעוועגונג שטייט ה' גדלי' קלאפאר זאמט א קאנזארציום.

קופת־עניים־מעלדונג

די הינע קופת־עניים קאמיסיאן מעלדעט הימיט, אז פסח־וואך ווערט דאס וואכענגעלד נישט איינקאסירט ווערען, דערפאר זאלען אלע מיטגלידער די פסח־וואך אליין פערטיילען די נדבות.

מיסיאנערען פראפאגאנדא אין מונקאטש

צו אונזער רעדאקציע איז די וואך איינגעקומען די מעלדונג, אז אונבעקאנטע פערזאנען האבען די וואך ווידער געטיילט מיסיאנעריש־בראשירען, וועלכע זענען איבערפלעכליך יראת־שמים'דיג און אין תוך זענען זיי מלא מיט עמדיות און כפירה. עס איז וויכטיג נזהר צו זיין!

אזהרה!

די פירמא: ברודער שטערן אין אונגוואר מאכט די געעהרטע קויפלייטע אויפמערקזאם, אז „Veloin" באקפולווער ברויך מען צו פערקויפען אין חמץ.

Es wird gesucht Sommer-Wohnungen im Dorf u. wird bezahlt für den ganzen Sommer. Zuschriften sind zu richten an: Svarc, Praha II-704.

Zur Desinfizierung der Mundhöhle und Atmungswege benützt man Alpa Franzbranntwein als Gurgelwasser. Er schützt vor Ansteckung. Einige Tropfen in ein Glas Wasser genügen.

מונקאטשער רב שליט"א דאנקט פאר די שריפטליכע, טעלעגראפישע און פערזענליכע בעגריסונגען אנלעסליך די חתונה־שמחה ביי זיין בת יחידה תחי'

אנלעסליך דער חתונה־שמחה איז דעם רב שליט"א צוגעשיקט געווארען איבער טויזענד בעגריסונגען טעלעגראפישע און בריוולעך פון רבנים, נגידים, חסידים און בכלל פערשיעדענע פערזענליכקייטען וועלכעס איז כמעט נישט מעגליך יעדען בעזונדער צו ענטפערען, דעריבער האט דער רב שליט"א בעשלאסען דורך די „יודישע צייטונג" אבצושיקען זיין דאנק פאר די אלע אנטיילנעהמער און בעגריסער ביי די שמחה, וועלכעס לויטעט ווי פאלגט:

ב"ה, יום ה' י' ניסן תרצ"ג מונקאטש, יע"א.

כבוד ידידינו היקרים וחביבים, רעים ואהובים, הרבנים הגאונים שליט"א די בכל אתר ואתר ובכל המדינות והנגידים היקרים ומופלגי תורה וחסידים, יראים ונחשבים, שליט"א איש כפי מהללו יבורך! הן הסה אשר לקחו חבל בשמחתינו כלולת בתי ת' תחי' לאויוש"ט עב"ג החתן הרב שליט"א הן אשר באו בכבודם ובעצמם וגם אותן אשר שלחו ד"ר או מכתבי ברכה ותהלה או דעפעשען הנני בברכת כוללת ותודה רבה מקרב לב עמוק מאהבה לכ"א ואי' יחשב כאלו הייתי פורטן בברכה טובה חכ"ו ויהי' חיי נחת ושמחת עולם על ראשינו כביאת גואלנו ב"ב בכי' ושוכט"ס.

מוקירכם ומכבדכם

חיים אלעזר שפירא

ידיעות איבער דייטשלאנד

— די אנטווערפענער דיאמאנטען־אינדוסטריעלער, וועלכע פלעגען באשעפטיגען א ערך פון 6 טויזענד שלייפערס אין דייטשלאנד, האבען איצט אלץ פראטעסט בעשלאסען נישט מעהר צו לאזען ארבייטען זייערע סחורות אין דייטשלאנד.

— די קאמיטעט צו ארגאניזירען א יודישען וועלט קאנגרעס אין פאריז, האט איבערגעשיקט דורך די ליגא צו בעקעמפען דאס אנטיסעמיטיזם, א דעפעשע צו היטלערן אין וועלכען זיי ערקלערען, אז כל זמן די דייטשע יודען וועלען נישט בעקומען נארמאלע עקזיסטענץ־בעדינגונגען כל זמן עס וועלען נישט ווערען צוריקגעקערט די גלייכהייטס־רעכט פון די יודישע בירגער אין דייטשלאנד זענען זיי בערייט מיט אלע אין זייער רשות שטעהענדע מיטלען צו בעניצען רעפרעסאליען געגען דייטשלאנד.

— דער פראנצויזישער ארצבישאף קארדינאל ווערדיע האט איבערגעשיקט א בריעף פארן רב הראשי פון פראנקרייך, אז ער דריקט אויס דעם שארפסטען פראטעסט קעגען די רדיפות אויף יודען אין דייטשלאנד.

— די פראנצויזישע צייטונג „מאטען" האט פערעפענטליכט א לייט־ארטיקעל אין וועלכען עס ווערט מיט שטאלץ אונטערגעשטראכען, דאס פראנקרייך געהערט צו די געציילטע לענדער וועלכע זיכערן אזיל־רעכט פאר יודישע פליטים פון דייטשלאנד.

— דער א"י חויץ־קאמיסאר האט דינסטאג אויפגענומען דעם דר. א־לאזאראוו, וועלכער האט איהם איבערגעגעבען די פאדערונג פון ישוב וועגען אימיגראציע־מעגליכקייטען פאר די יודישע פליטים פון דייטשלאנד. דער חויץ־קאמיסער האט צוגעזאגט גינסטיג צו בעהאנדלען דאס ענין.

— אין דייטשלאנד האט די רעגירונג ארויסגעגעבען א פעראָרדנונג נישט ארויסצולאזען קיין אויסלאנד נור מיט ספעציעלע אויסרייזע בעווילינגונגען.

די דייטשע רעגירונג האט פערבאטען צו פערברייטען אין דייטשלאנד אהן א שיעור אויסלענדישע צייטונגען. צווישען די פערבאטענע צייטונגען איז אויך דאס „פראגער טאגבלאט".

— אין קיעל איז בשעת דעם שבתדיגען באיקאט ביי א יודישע טעכעל־פירמא געקומען צו א שיסעריי צווישען דעם טעכעל־הענדלער און דעם וואכמאן, דער וואכמאן איז שווער פערוואונדעט געווארען, דער קויפמאן ווידער איז ארעסטירט געווארען. אויף דעם האבען זיך א גרופע היטלעריאנער פערזאמעלט אין תפיסה־לאקאל און געפאדערט פון פאליציי־הויפטמאן מ'זאל זיי אריינלאזען אין די צעלע ווו דער ארעסטאנט איז, ווייל זיי ווילען וויסען ווער דאס איז. דער קאמאנדאנט האט זיי דאס ערלויבט. ווי זיי זענען נור אריינגעקומען האבען זיי דעם ארעסטירטען יוד עטליכע רעוואלווער־קוילען אויסגעשאסען, וועלכער איז תיכף געבליבען טויט.

— דער פערקינדיגטער באיקאט געגען דייטשלאנד האט א געוואלדיגען רושם געמאכט אין די גאנצע וועלט. די יודען אין דער גאנצער וועלט זענען זיך משתתף אין צער פון די נרדפ'טע יודען אין דייטשלאנד און עס ווערט אנגעווענדעט אלע מיטעל אין זייער אינטערעס. די אמעריקאנער און ענגלישע יודען האבען זיך אויך אנגעשלאסען צו די פראטעסטען און באיקאט אקציאנען.

— דייטשלאנד האט מוראדיג דערשפירט, אז זיי וועלען זיך מיט זייער געגען באיקאט ווייניג העלפען. זיי האבען אנגעהויבען איינצוזעהן, אז דער אלוועלטליכער יודישער באיקאט קען זיי מאכט צוגרונד שטעלען, דערפאר האבען זיי ביסלעך נאכגעלאזט, זיי האבען דעם שבתדיגען באיקאט איינגעשטעלט און האבען ערקלערט, אז זיי געבען צייט פאר די יודען אין דער וועלט, אז ביז מיטוואך זאלען זיי אויפהערען מיט זייערע פראטעסטען, ווען נישט וועלען זיי מוזען ווייטער פארטזעצען.

— דער דייטשער געגען באיקאט איז שוין גענצליך אבגעבלאזען געווארען. די רעגירונג ערקלערט אז דאס איז צוליב דעם, ווייל די יודישע פראפאגאנדא אין די וועלט איז שוין בעדייטענד שטילער. מיטוואך איז שוין אויך נישט געווען דער אנגעקינדיגטער באיקאט.

— הגם דער באיקאט אויף די פריוואטע געשעפטען איז אבגעבלאזען געווארען, פונדעסטוועגען האלט נאך ווייטער אן דער באיקאט און די ענטלאסונג פון יודישע שטאאטס־אנגעשטעלטע. די יודישע פראטעסטען גייען אזוינאך נאך ווייטער אויף דער ריכטונג.

— אלע וועלט־בלעטער פערורטיילען דייטשלאנד'ס מעשים לגבי די יודען. דער לאנדאנער „טיימס" בעהויפטעט, אז דייטשלאנד האט זיך איצט מיט זייער יודען־פאליטיק מוראדיג פערפיינדעט ביי די וועלט און גלייך ווי אין יאהר 914 ווען זיי האבען אנגעגריפען דאס שוואכע בעלגיען האט זיי די גאנצע וועלט פערורטיילט. אזוי פערורטיילט מען זיי איצט זייער אנגריף געגען די שוואכע יודען. פוילישע בלעטער מאלען היטלער'ס אנגריף געגען יודען אלס געמיינסטע ערפרעסונג פון דער וועלט־געשיכטע.

— צוליב דייטשלאנד'ס מעשים געגען די יודען איז איינגעפלאסען אהן א שיעור בקשות צום פעלקערבונד, זיי זאלען אינטערווענירען אין זייער אנגעלעגענהייט. דאס פעלקערבונד־סעקרעטאריאט פריפט איצט די זאך. אויב דעם פעלקערבונד מאג אין דעם ענין אינטערווענירען. ווי עס זעהט אויס ווערט דער פוילישער פארטרעטער ביים פעלקערבונד בעריהרען די יודען־פראגע אין דייטשלאנד.

— צו א ערנסטען קאנפליקט איז די טאג געקומען די דייטשע רעגירונג מיט דעם „פעראיין פון די אויסלענדישע פרעסע". דער קאנפליקט איז פאלגענדער: דער פעראיינס־פרעזידענט מאוורער, דער קארעספאנדענט פון „משיקאגא טריבונע" האט מיט עטליכע חדשים צוריק ארויסגעגעבען א בוך וועגען דייטשלאנד אין וועלכען היטלער ווערט דארט שווער מיאוס אהערגעשילדערט. די רעגירונג וויל איצט דעם אמעריקאנישען זשורנאליסט נישט מוחל זיין דעם בישעריגען חטא און פערלאנגט, אז די פעראיין זאל איהם מעביר זיין פון פרעזידענטשאפט. די וואך איז וועגען דעם פארגעקומען א גענעראלפערזאמלונג. מאוורער האט אנגענומען די רעזיגנאציע. די גענעראל־פערזאמלונג האט אבער מיט א גרויסע מאיאריטעט צוריקגעוויזען דעם דאנק און איהם דאס ווייטערע פערטרויען געשענקט.

מעלדונג פון היזיגען פאסט אמט

פון 1־טען אפריל אנגעפאנגען ווערט דאס היזיגע פאסט אמט איבערהענדיגען טעלעגראפישע געלד אנווייזונגען אויך אם זאנטאג.

שבת אם 15־טען אפריל ווערט דאס פאסט אמט פאר פארטייען אפען זיין נור ביז זייגער 3 נ. מ. זאנטאג דעם 17־טען אפריל ווערט זיין אפען ווי אין א אנדערען חוה"מ־טאג.

TATR. LOMNICA TATRA LOMNIC

HOHE TATRA

איינציג שטרענג פערלעסליך

ארטה. כשר

פענזיאנאט

מיט ערשטקלאסיגע קיכע און בעדינונג, פאר־ און נאכסעזאן

פאללע פענזיאן Kč. 55.

ערוואקסענע מיידליך ווערען אויך אהנע בעגלייטונג אויפגענומען. אין דער פאר־ און נאכסעזאן ווערען חתונות און באנקעטען אנגענומען, א גאנץ יאהר אפען.

Pensional:

Mor Schreiber

Villa „BUGSCH"

Tatr. Lomnica

זויבער און שעהן

וואשט ריינט און פארבט

צו קאנקורענצפרייזען

די בעקאנטע בעמישע וועשעריי

האווליטשעק

מונקאטש, ניי־באר

זאמעלשטעלע: ראקאצי גאסע, קיאסק

Die
Frühlingsstürme
verursachen den
Rheumaleidenden
grosse Pein
Massieren Sie sich über ärztliche Weisung mit
ALPA
Menthol-Franzbranntwein.
Der Erfolg
wird Sie freudig überraschen. Beachten Sie den Orginal-Verschlus mit unverletzter Plombe!

פערשידענע ידיעות

— מיט די אמעריקאנער גרעסטע לופט־שיף „אקראן" וואס איז אויפגעבויט געווארען אין יאהר 931 איז געשעהן א קאטאסטראפע. די לופט־שיף האט געמוזט זיך אראבלאזען אין מיטען פליהען אויפ׳ן ים און איז זייער ערנסט בעשעדיגט געווארען. פון די 77 פאסאזשירען זיינען נור עטליכע גערעטעט געווארען פון טויט.

— לויט בעלגישע בלעטער׳ס נאכריכטען, פלאנט דאס בעלגישע קעניג־פאר צו אונטערנעהמען אין די נאנטע טעג א רייזע קיין ארץ־ישראל.

— דער לעגיסלאטיווער־ראט אין עבר־הירדן האט בעהאנדעלט דעם אנטראג פון דער אפאזיציע וועלכע האט געוואלט צו שטערן בודען־פערקויף פאר יודען. דער אנטראג איז מיט 13 שטימען געגען 3 אבגעווארפען געווארען.

— אין אמעריקא, האט די ארבייטס־קאמיסיע ביים רעפרעזענטאנטען־הויז בעשלאסען איינצופיהרען די 30־שעה׳דיגע ארבייטס־וואך.

— אין מאסקווע האט ענדליך די סאוויעט־מאכט ערלויבט צו באקען מצות. אין די מצה־בעקעריי זיינען באשעפטיגט א ערך 30 ארבייטער. די מצה־בעקעריי איז אימשטאנד צו בעזארגען גאנץ מאסקווע מיט גענוג מצות.

— צוליב די בעפארשטעהענדע מוסולמענישע חגאות, האט די א״י־רעגירונג פעראָרדנעט צו פארשטארקען די פאליצייאישע שמירה אויף דער צייט פון 3־טען ביז דעם 23־טען אפריל.

— אין מעהרערע שטעדט פון סאוויעט־רוסלאנד איז איינגעאָרדענט געווארען מצה־בעקערייען אויף נאמט־אייוועלעך, ווי יעדער באקט זיך ביזונדער זיינע מצות אין דער היים.

לעבהאפטע דעבאטע אין דער ווארשאווער קהלה אין צוזאמענהאנג מיט מונקאטשער רב׳ס פערזאן

די פ. וואך איז ביי דער ווארשאווער קהלה־פערוואלטונג פארגעקומען גרויסע געוואלדעס און שטורמישע פראטעסטען געגען דעם אגודה־פרנסת לעווין, וועגען א נישט פארזיכטיגען אויסדרוק לגבי מונקאטשער רב שליט״א.

עס האט זיך געהאנדעלט ביי דער פראגע פון בעשטימען סכום׳ן אויף אויפצונעהמען נייע רבנים. די פרנסים פון די פערשידענע פארטייען האבען ארויסגערוקט זייערע תביעות, אז די נייע דיינים וואס די קהלה וועט אויפנעהמען זאלען נישט זיין אבהענגיג פון אגודה־צוגעהעריגקייט, נור מ׳זאל בכלל מחזר זיין נאך לומדים און גדולים. די אגודה־מנהיגים האבען דאראויף געענטפערט, אז די אלע פארטייען האבען צו דעם ממילא קיין פערשטענדניס, די אגודה וועט שוין אריינשיקען ענטשפרעכענדע רבנים. אויף דעם האבען מעהרערע נאציאנאלע און אונפארטייאישע פרנסים געאנטווארט, אז די אגודה איז אויך נאך נישט בעוויזען צו דעם, ווייל דער מונקאטשער רבי האלט דאך די אגודה פאר טריפה פונקט ווי די איבריגע פארטייען.

אויף דעם האט פרנס לעווין געענטפערט; דער מונקאטשער רבי איז א „ווילדער" און ער איז דערפאר אלס צו איבערטריבען — נישט מאסגעבענד.

אויף די ווערטער איז ענטשטאנען א גאנצער טומעל און א מהומה, אהן א שיעור פרנסים האבען זיך איינגעשטעלט געשריגען פאר לעווין׳ן „חצוף" „עזות־פנים" ווי וואגט איהר מיט אזאלכע אויסדריקע צו בעניצען געגען דעם גרויסען גאון, שעמט אייך! ווען מיר בענעהמען זיך מיט אזאלכע אויסדריקע געגען אייער גערער רבי׳ן דעמאלט ווילדעוועט איהר טאראידיג, און איהר שעמט אייך נישט אויף דעם יודישען ושעני אויף דעם למדנישען גאון און רבי זאגען, אז ער איז „ווילד" מיר זענען קיין מונקאטשער חסידים, גלייך ווי מיר זענען קיין גערער־חסידים, מיר וויסען אבער דרך־ארץ צו האבען פאר א אוטאריטעט וועלכער האט אין זיך למדנישע־גאונות.

דער טומעל האט זיך זעהר פערשארפט, די איבריגע אגודה־פרנסים האבען געפרוווט צו פערענטפערן דעם ה׳ לעווין, אז ער האט נישט געמיינט, אדרבה ווי אלע עהרען מונקאטשער רבי׳ן, די תירוצים האבען נישט געהאלפען ה׳ לעווין האט פאר בושה געמוזט פערלאזען די רעדנער־טריבונע און איז כמויש׳דיג אוועק פון דער זיצונג.

פאליאנער
מינעראלוואססער
צו בעקומען ביי דער
מינעראלקוועללע־פאכטונג
סוואליאווא.

ארבע־כוסות כבמחזה!!
ארץ־ישראל ווין!!
יי״ש של פסח למהדרין
מן המהדרין
פרימא כרם ישראל ווין
מכל המינים צו ביליגע
פרייזען בעקומט איהר ביי:
ה. מ. כאללוש

ברכת מז״ט

מי שבירך את אבותינו, הוא יברך את כ״ק רבינו, גאון עוזינו, פאר דורינו, הנה״צ הר כרוא, מי כמוהו מורה, שר התורה, מנורת הטהורה, אספקלריי המאירה, מרן הגאבד״ק מונקאטש שליט״א על ישראל הדרתו, לעדי עד ימלוך ויתנשא מלכותו.

ירווה עונג ונחת מיוצ״ח ויראת דור ישרים וזרע קודש הקדשים ברוך מדבק כברוך ברוך הוא וברוך שמו אמן כיה״ר, ברוך הבא בשם ה׳ וברכה הנובעת בשם ביהמ״ד „החסידי מונקאטש־דק״ק משאפ יע״א.

הק׳ אברהם אהרן פרים שבתי שלום פרים
נ״ר נ״ש

ברכת מז״ט

הננו מברכים בברכת מז״ט חמה ולבבה לידידנו ה״ה החשוב המושלם ומופלג בתורה ובמדע כו׳ כו׳ מ׳ נפתלי זיידענפעלר נ״י גבאי דספרי־תורה בחבורתנו לרגלי אירושתו עכ״ג תחי׳.

יהא רעוא שיהי׳ צעדך מוצלח ועתידך טבירך.

הנהלת החברה קות״ם
בביהמדר״ג פק״ק מונקאטש

גראטולאציאן

אנלעסליך דער פערלויבונג פון מיין בעסטען חבר ה׳ נפתלי זיידענפעלד נ״י ווינש איך איהם היערדורך א הערצליכען מזל־טוב־גראטולאציאן און גליקליכע צוקונפט.

מתתי פערלשטיין, מונקאטש.

צו דער פערלויבונג פון מיין ידיד ה״ב החשוב וכו׳ מר נפתלי ווירענפעלר ווינש איך איהם א מז״ט און א גליקליכע צוקונפט.

סענדיל קלייער, מונקאטש

ברכת מז״ט כבא ונרא יאת מביעים אנו לכבו״ד ידידנו ה״ה ח״ב החתן החשוב והנעלה יקר הערך במדות טובות ה״ה מבורך וכו׳ מר נפתלי זיידענפעלד נ״י לרגלי בואו בקשר השידוכין יתן ה׳ שזוגו יעלה יפה על כתפי הצלחה ויזכה לבנות בנין נאמנת לתורה ולתעודה.

כאות נפש ידידיו
שמואל קלייער חיים בנימין פאסקעס
מונקאטש

הננו מברכים בברכת מז״ט חמה ולבבית את ידידנו מר נפתלי ווירענפעלר נ״י לרגלי אירושיו.

יעקב דוב שפיגעל ואחיו
מונקאטש

ווער עס מיינט נישט די הגדה נור די קניידלעך...

פערדינסטען פון היטלערס גזירות

היטלער רודפט און פייניגט די יודען אין דייטשלאנד. די גאנצע וועלט פערשרייט און פערטייבט איהם מיט פראטעסטען ווי המן׳ען בשעתו. עס טרעפען זיך אבער בעלנים, וועלכע ווילען די נערענטע געשיחער, די פערהושכ׳טע פנים׳ער די פערשידענע פערזאמעלטע כנופיא׳ס אויסנוצען אויף אייגענע אדער אויח פארטייליכע צוועקען.

אט דאס האבען געטאן די מנהיגים פון די ציוניסטישע פראקציעס אין מונקאטש. ווי האבען צונויפגערופען א אונפארטייאישע פראטעסטפערזאמלונג מיט דער איינציגער טאג־ארדנונג צו פראטעסטירען געגען היטלערישען בארבאריזם. צום סוף געהמען אבער די ארגאנזירער פון דער פערזאמלונג און בענוצען דעם גרויסען פערזאמלטען נייטראלען פובליקום און מאכען אוואציעס פאר׳ן ציוניזם.

איהר ציוניסטען ווילט הפנים פערדינען פון היטלערס גזירות, איהר ווילט אייך בענוצען מיט׳ן נייטראלען פובליקום אויף אייערע פארטיי־פרינציפען, האט דאס נעפאסט, מ׳וועט דאך זאגען, אז איהר האט נישט געמיינט די הגדה נור די קניידלעך.

דער קל־וחמר

און נאך א פערדינסט פון היטלערס גזירות, וויל האבען טאקע דער היגער בעה״ב ה. יואל מייזעלס, ה׳ מייזעלס בעשטורמט אונזער רעדאקציע די וואך מיט א גרויסען כעס און מיט א צעהיצטען שטערן גלייך ווי איינער וואלט א רמב״ם פארענטפערט און פרעגט אונז די פיליזאפישע קשיא: יודען פראטעסטירען געגען היטלערען, געגען דעם גוי, געגען דעם המן הרשע איא? יא, א וודאי ענטפערן מיר! נו איצט פרעג איך אייך הער רעדאקטאר אזוי זאגט ר׳ יואל, ווען מ׳מאכט א זאלכע געוואלדעס ווען א גוי שלאגט א יוד, וואס מיר וויסען אז „הלכה בידוע שעשיו שונא ליעקב" ברויך מען דאך א וודאי און א וודאי צו פראטעסטירען ווען טאקע א יוד שלאגט א יוד. א הוה אמינא זאגט מיר איהם? ס׳איז טאקע א קל וחומר בן בנו של ק״ו, ביי אזא פאל ברויך מען זיכער צו פראטעסטירען — בכפלים, צו פראטעסטירען ממש ברומו של עולם, נו־ווי ווער וואס ווען?

ווי הייסט ווער? קיצט אויף אונז מיט א מוראדיגען ירקון ר׳ יואל און ווייזט אונז א צעבלוטיגטע האנט פערבאנדאזשירט — אט זעהט איהר הער רעדאקטאר דאס האט מיר אבגעטון מיין הויז־הער די וואך. איך בין טאקע עפ״י נס ניצול געווארען פון א זיכערן טויט. איך האב אויך גאנצאנ גומל־געבענטשט און מיינט נישט, אז דאס איז דאס ערשטע מאהל, ער איז מיך שוין אומצעהליגע מאהל בעפאלען און געשלאגען אין די שטאדט ווייסט פון די צרות וואס ער טיילט מיר אהן און ניטעבאהל מיינע קרובים געהסען זיך מיר נישט אָן.

מיר האבען פאר ר׳ יואל׳ן פערשפראכען די מעשה מגלה צו זיין, ווייל ר׳ יואל מיינט גענוך די הגדה און די קניידלעך...

די שרייערס אויף׳ן פילם און די שרייערס הב חב...

די מונקאטשער גראנדיעזע חתונה וועלכע האט געהאט א שם מיט וואכען צוריק אין אלע וועלט־עקען האט ביזרע איבערגעהויבען די אינטערעס פון די גרעסטע פילם־געזעלשאפט אין די וועלט. די פילם, דאס אויפכאפען און אבפילמען די חתונה־פאראדעס מיט עטליכע חתונה־מזינעס איז פאר די געזעלשאפט נור אזוי געלונגען געווען, מחמת די גאנצע שטאדט איז ממש געגאנגען אויף רעדער מיט די נעתיבנגע שמחה־ששיונג דערצו, אז קיינעם איז נישט איינגעפאלען צו וועהען און צו באמערקען זייער טעטיגקייט. ערשט נאך די חתונה ווען מ׳האט דערוויסט וועלערע מעשים האט זיך אנגעהויבען א סדרה פון פראטעסטען.

צווישען די פראטעסטאנטען איז אבער אינטערעסאנט, אז א גרויס חלק פון זיי שרייען געבוך געוואלד, אז תיות לויט זייער אינפארמאציע האט די געזעלשאפט געטיילט מציאות פאר יחידים און זיי זענען געבליבען נעביך מבוייש. טיט זיך אויף ט״ש און אויף בענק נייע פערמיידינער און מוסר־זאגער וואקסען ווי שוועמליך. דער עולם ווייסט אבער צו אונטערשיידען זייערע כוונות, ווער ס׳מיינט די הגדה און ווער עס מיינט די קניידליך...

A GREAT EVENT IN A LITTLE JEWISH TOWN IN CZECHOSLOVAKIA

RABBI SPIRO OF MUKACEVO GIVES HIS 17-YEAR-OLD DAUGHTER IN MARRIAGE AND THE ENTIRE TOWN REJOICES (*J. Jay Hirz*)

אַ גוטער איד מאַכט חתונה אַ טאָכטער און די שטעטעל רעש׳ט זיך

בילדער פון דער חתונה וואס איז לעצטענס פארגעקומען אין הויף פון בערימטען טשעכאסלאוואקער רבי׳ן, אלעזר שפירא.

RABBI SPIRO of Mukácevo, father of the bride

דער מוקאטשעווער רבי שפירא.

די כלה. — פרומע (אין ווייסער קלייד), די טאכטער פון דעם רבי׳ן, אליעזר שפירא.
"ONLY A RABBI'S DAUGHTER."—The brde, Frume (in gentre) daughte of Rabbi Spiro

דער חתן הרב ברוך ראבינאוויץ פון סעדליץ, פוילען.
THE BRIDEGROOM.—Rabbi Baruch Rabinovicz of Sedlce, Poland

רבנים פון פוילען און רומעניע, געסט ביי דער חתונה.
RABBIS OF POLAND and Rumania, guests at the wedding.



THE WIFE OF THE RABBI in holiday attire.

די רביצין, דעם מוקאטשעווער׳ס פרוי.



"WELCOME" and "MAZOL-TOV signs greeted the bridegroom at the railway station.

די אייזענבאהן סטאנציע אויסגעפוצט לכבוד דעם חתן׳ס אנקומען.



THE PRESS OF PEOPLE at the station as the bridegroom arrived.

דער חתן ווערט אפגעפיהרט פון דער סטאנציע אין רבי׳נס הויף אריין.

BEGGARS' HOLIDAY.—The poor of the town were invited to the wedding feast.

קבצנים און בעטלער ביי דער חופה וועטשערע.

זה השער לד׳ צדיקים יבואו בו



בחורים מחופשים בלבושים שונים רוכבים על סוסים,
אצל מסילת הברזל.



שער בעיר מונקאטש.
שנעשה במיוחד
לכבוד השמחה
מעוטר בברכת
ברוך הבא.



הוא הודה
הוא זיווה
הוא הדרה



כבוד קדושת אדמו״ר זי״ע ביום החופה, מלובש בהקאלפיק, מעמיק ברעיונותיו הטהורים, משמאלו תלוי דגל מיוחד בת ארבע גוונין שנעשה במיוחד עפ״י ספר הפרדס לכבוד השמחה.

כינוסן של צדיקים הנאה להם והנאה לעולם

מרן זי״ע ביחד עם רבנים אדמורי״ם ואורחים חשובים,



מרן רבינו זי״ע יחד עם גיסו מהר״ש
מקאמארנא זצ״ל, וש״ב הרה״צ ר׳ נחמי׳ זצ״ל
מסטריזוב וסאסוב, שהי׳ המסדר קידושין.
משמאלו הרה״ג ר׳ דוד שליססעל ז״ל
מבית דינא רבא דעיר מונקאטש.

תזמורות מזמרין בעיר מונקאטש
אצל ה"באנהויף".





תזמורות מזמרין
ניגוני שמחה
בחצר ביתו
נאוה קודש
של מרן
רבינו זי"ע





רבינו זי״ע על המרכבה,
בנסעו בחזרה ממסילת הברזל
להקבלת פנים בחצר הקהל.

בעלץ צדיקים רבה תפארת

(משלי כ״ח)



▲ מרן זצ״ל בלווית אלפי אנ״ש שבאו לשמות....

מרן זי״ע מעוטר בהקאלפיק בנסעו ממסילת הברזל
מסובב עם אלפי אנ״ש המלווים השיירה עד חצר הקהל. ▼



חלק מההמון של אלפי ישראל שנקבצו קודם החופה
לפני ה״הויף״, להשתתף בשמחת רבינו זי״ע.



מלך ביפיו תחזינה מישרים

רבינו זי"ע וצהלתו על פניו
כשמופיע לשמחת החתונה,

ונוה צדיקים יברך (משלי ג)

הכלה בצאתה מבית אבי' מרן זי"ע להקבלת פנים לפני חופתה,
משמאלה נראית אמה הרבנית ז"ל, ומימינה חמותה הרבנית
מפרציווא ז"ל.



הרבנית ז"ל,
אמו של מרן
המנח"א זי"ע,
מעוטפת
בהשטערן טיכל
על ראשה,
שלא לבשה
מעת הסתלקות
מרן הד"ת זי"ע.

הכלה יושבת
על "הכלה שטיל"
בעת הקבלת פנים
לפני החופה,
ואצלה עומדת
אמה הרבנית ז"ל
והשושבינין.

הכלה בעת
הקבלת פנים
בבית מדרשו
של אדמו"ר זי"ע.

הלא הם כתובים על ספר דברי הימים

אוסף צילומי החתונה
על כותל ביהכ"נ כהיום בעיר מונקאטש (ברוסלאנד),
וזכרונות אלו עומדים להם לחיזוק במצבם הקשה.


צורת הגה"צ מנהל של אגודת ישראל רבי מאיר שפירא זצ"ל מלובלין
עם הגה"צ אבד"ק מונקאטש שליט"א
ממונקאטש מקאמארנא מסאסוב שליט"א



חלק קטן מהטעלעגראמען אשר הגיעו לכבוד החתונה



Wohlgeb.
Oberrabiner Spira
Mukačevo
C. S.

מזל טוב
לכל המשפחה העדינה
הק' מאיר שפירא אבד"ק
נשיא
ישיבת חכמי לובלין
מחיר התלגרם מוקדש לטובת הישיבה

= oberrabbiner spira mu

+ presov 287 39/38 15 19 50 =

masel tow lehamechitimim rabouim cadikim vechusan lusiwigam jale jufu bichal haperisim jisangi jachad betojv betojv ibamimim ad meiu veesrim - sumim bisoisawoseihem szl sja nu lechaskir eam ojsi letojv besichron akdojsim hakndos amen = raslavitzer rabiner +

רב הכולל דמדינת בראטיסלאווא

---

budapest 8652 18/17 15 1200 =

aseltek weszuszon veszeimchu lechuszon wekaluh veterabenue aguon velechol hamischpuchu = familie rabbiner steif und sohn =.+

הגה"ק יהונתן שטייף מבד"ק בודאפעסט

TELEGRAM

oberrabiner mukacevo =

.+.+ nyirbator 156 11 15 1500 =

winsche mazel tow ooszen kalle me chitonen nalle = foerabbi

אבד"ק נירבאטור

TELEGRAM

oberrabbiner -- mukacevo --=

= budapest 62-10912 20/19 15 10 10 =

verlobung txochter ruchel basz chajeszore majse simen ben lelee vereitelte mazeltow leadmor ukhol balcehaszenu = rabbiner welcz +

הרה"ג ר' ישראל וועלץ ראבד"ק בודאפעסט

TELEGRAM

Oberabiner mukacevo =

.+ satoraljaujhely 303 10 15 14 50 =

mazle tov ibirehoszu lrabem olchuszon ikalu = rabiner dick

TELEGRAM

Oberrabiner mukacevo
cestovensko =

.+.+ bucuresti 4825 12 15 18 =

mazaltov brucha veauzlucha leadag hchol hamaschpucha ievorchom = schor primrabin =.+.+

הרב שאהר רב הכולל דמדינת רומעניא

TELEGRAM

oberrabbiner mukacevo =

.+ mukacevo 1048 16 16 1735

masel tov hasivueg jatte jofo ueszhi lagefeu adoresz elebinjan kodjsch veromo = oberrabbiner sajoszentpeter

אבד"ק סעניפעטער

TELEGRAM

oberrabb mukacevo =

piestany 226 10 15 1820 =

maseltow bruche whazluche lesig hachudesch wuenscht = rabbiner teichthal .+

הג"ר ישכר שלמה טייכטאהל ראבד"ק פישטיאן

TELEGRAM

oberrabbiner mukacevo =

+ spisskepodhradie 48 12 15 14 35 =

erzlichsten masltov kome sontag mittag gleichgesinte rabbiener aufhalten = oberrabbiener spitzer =.+



= xlt = [illegible] rabin
mukacevo =

[illegible] 428 11 15 1200

masoltov glueck sege[illegible] harmonie = rabiner unsdorfer .+

הרב אונסדארפער

---

oberrabbiner munkacevo =

15. II. 5.32

+ papa 263 $15 15 1005

[illegible] tovo terabenue hakodajs vechol mischpachtoj horomo
mearve = miccael ben belekraszt pressburger rabbi

[illegible] נאב

TELEGRAM Došel pod číslem

= oberrabbiner mukacevo

+ abaujszanto [illegible] 6 14 14 20=

= masol tov = oberrabbiner deutsch

TELEGRAM Došel pod číslem 876

oberrabbiner [illegible]
, cehoslovakia

+ peteac 57 5 15 15/20=

= maseltov = primrabbini =

TELEGRAM Došel pod číslem 858

= xlt = oberrabbiner [illegible]

hanusovcenadtoplou 14 9 15 14 45

[illegible] lichwod rabenue itchol hamischpocho =
oberrabbiner [illegible] .+

TELEGRAM Došel pod číslem

oberrabbiner mukacevo =

15. III. 3.92

= gelnica 27 12 15 11 30=

maseltow chuson vekale eltern mechatumin alle wuenscht =
familie rabbiner stein

הרב שטיין אבי״ד געלניצא

TELEGRAM Došel pod číslem 875

obe[illegible] spira m[illegible]

הרב גאלדשטיין אבי״ד סעבינא

[illegible] 47 10/9 15 16 45=

[illegible] [illegible] getkaton [illegible]pocho
= oberrabiner go[illegible] .+

TELEGRAM Došel pod číslem 894

oberrabbiner spira mukacevo

ujpest 1.+ 225 9 [illegible]

= herzlichsten masltov wuenschen [illegible]rabbiner taichtag
fortgemeinde .+

TELEGRAM

oberrabbiner spira mukacevo

szerencs 51 10 15 1500

= masel tow harivon jaale j[illegible] - oberrabbiner pollak .

הג״ר מנחם פאללאק אבי״ד סערענטש

Tiskopis 769 č. (II-1931)

TELEGRAM Došel pod číslem 884

= oberrabiner [illegible]

[illegible] 73 5 15 17 10

[illegible] wuenscht = oberrabiner [illegible] .+

A/8

= xlt = TELEGRAM Došel pod číslem

oberrabiner spira mukacevo

15. III.

.+ stara lubovna 3[illegible] 10 1[illegible] 1110

mazeltow meomek halev meave = oberrabbiner friedmann



mukacevo slovensco =

+ turda 182 23 14 20/40

s ist nur leider nicht gekoennt an die freude ehrwuerdens persoenlich teilnehmen zu koennen wuensche herzlichst

maseltow oberrabiner ="

Tiskopis 769 č. (II-1931)

אב״ד טורדא

= xlt TELEGRAM

= oberrabbiner spira

15. III 3. 97

topolcany 184 11 15 1015

maseltow ibrochu haziwee jate jure = oberrabbiner weiss

הרב ווייס אב״ד טאפאלטשאן

Tiskopis 769 č. (II-1931)

---

a mukacevo

velkaida 11 15 15 1200 =

= mazel tow und segne fuer oberrabiner und brautpaare und freunde .= oberrabiner

769 č. (II-1931)

שרי הממשלה

TELEGRAM

oberrabiner spira mukacevo =

wien r 7113 9 15 11 45 =

herzlichste glueckwuensche zur trauung = generaldirektor riha .+

גענעראל—דירעקטאר וויען

Druh xlt TELEGRAM Došel pod číslem 844

xlt = oberrabbiner mukacevo =

+ mukacevo 972 21 15/3 16/15=

gelegentlich der heirat ihrer tochter entbiete ich meine glueckwuensche dem jungen ehepaare und den eltern =

alexander boldizsar oberkomissaer .+

אובערקאמיסיאר — מונקאטש

TELEGRAM

= oberrabbiner mukacevo

15. III 3. 97

ustinadlabem tel 6 15 1055

= herzliche glueckwuensche = direktion marea .

TELEGRAM Došel pod číslem 626

lt = vrchni rabin spira mukacevo

+ praha 28 20 44/43 14 16 35.-

anlaesslich der vermaehlung in ihrem geschaetzten hause sende meine allerherzlichsten und aufrichtigsten glueckwuensche dem jungen brautpaare und den eltern stop moege der allmaechtige gott alle besten wuensche fuer das junge brautpaar in reichtem masse erfuellen = senator dr bacinsky

Tiskopis 769 č. (II-1931)

סענאטאר באקינסקי — פראג

TELEGRAM

spira starsij rabbin mukacevo

.+ praha 129 83 27 16 1140 =

popovodu svadby miloj vasej docery ot imeni avtonomneho zemedelskeho sojuza molodym supruham i scastlivym odtilem slet iskrennych svojych blahozelanij

andrej brody deputat parlamenta .+

חבר הפארלעמענט

Tiskopis 769 č. (II-1931)

.+ mukacevo 268 19/18 15/3 14/55

zum heutigen freudigen familienereignis begluecKwuensche sie sowie das junge ehepaar aufs herzlichste =

staedtischer obernotaer .

גובערנאטער העירוני — מונקאטש

Tiskopis 769 č. (II-

חסידים ואנ״ש מכל קצוי תבל



TELEGRAM Došlé pod číslem

LCO

Oberrabbiner mukacevo

.t jerusalem 87 9 14 2209 =

masal tow [redacted] libi = doktor [redacted]ach .t

דר. משה וואלאך ירושלים

TELEGRAM Došlé pod číslem

LCO = [redacted]

.t [redacted] 75 14 14 19 [redacted]

mazel[redacted] jahrzeit [redacted] hakirkat

ha[redacted] [redacted] munkach .t.t

כולל מונקאטש ירושלים

TELEGRAM Došlé pod číslem

LC = oberrabiner mukacevo =

aleksandrow k lodzi 28 27 17 1136 =

bruchows [redacted] leros[redacted] [redacted]ecmed hanechmod

ulhamchytnnym machajl ani lucnim rav bruchojs bney bajshe

at hamsaj aszer menacl[redacted] uhay darkchem sycu baszoszanym

[redacted] sara .t

מעיר אלכסנדער – פולין

TELEGRAM Došlé pod číslem

LCO = ober[redacted] mukacevo =

.t [redacted] 12/11 14 [redacted]

[redacted] beschem chasidei munk[redacted]

mazaltov vesche[redacted]

TELEGRAM Došlé pod číslem

spiro vrchny rabin mukacevo =

= praha 5 .t 747 13 15 16 35 =

mazltov uberocho schalom vehazlochoh beschem bethamidrasch

[redacted] .t

חסידים מעיר [redacted]

TELEGRAM

oberrabbiner spira [redacted]

.t [redacted]

herzlichen mazeltov [redacted] familien [redacted]

und rottenberg .t

מעיר בערלין

TELEGRAM Došlé pod číslem

oberrabiner mukacevo

.t satumare 5606 16/17 15 19 =

mazlo tove leodajot majri verabi vehue[i]bonisz lechuszen

velkaluh hagam merochajk nafsi beszimchaszchem jechiel

frankl .t

מעיר סאטמאר

TELEGRAM Došlé pod číslem

oberrabbiner spira mukacevo =

jesa[redacted] 928 52 15 14 20 =

[redacted]

[redacted] beschem chasidei [redacted] jesa[redacted]

[redacted] ben [redacted] ben

en attechajesore schmiel [redacted] ben [redacted] ben

[redacted] majschejlerkok ben [redacted] avrohom ben

[redacted] ben [redacted] avrohom ben ruchet

[redacted]

margulies [redacted]

isenvasser schlojme [redacted]

חסידים מעיר [redacted]

TELEGRAM Došlé pod číslem

LCO = oberrabiner mukacevo =

ulerskybrod 88 37 15 11 70 =

[redacted] vegadje [redacted] hasimcho jale [redacted] el

cosei hatehro vehazlochr velebuh [redacted]

[redacted] jedenaste [redacted] hachaszeni hacischafchre

perochehh [redacted] kechn ko[redacted] [redacted] .t

.t [redacted] 1 178 13 15 [redacted]

[redacted] avrom

[redacted] jedenasty czwartego [redacted]

[redacted]

[redacted]

מעיר [redacted] – פולין